# רָאבִּינְזָאהן

## לֶערְנְט דִיא פָּאפּוּגַאי רֵיידֶען



צווייטער טהייל

# ראבינזאהן

## די געשיכטע פון אלטער-לעב

## איינע נאהרע אונד וואונדערבארע געשיכטע צום לעזען.

די געשיכטע איז איבערזעצט אין אלע שפראכן
פאן דער וועלט אויך אין עברי דייטש.
אונ יעצט האב איך צו געגעבען אכט פערשידענע
פיינע בילדער וועלכע עס וועלען מאכען אויף דעם
לעזער איין שטארקען אינטערעסאנטען אונ
פערגעניגטען איינדרוק:

### צווייטער טהייל

# ווילנא

בהוצאות ובדפוס רי״ל מ״ץ נ״י.

שנת תרנ״ד לפ״ק

**РОБИНЗОНЪ.**

Разсказъ. Съ Виленскаго изд. 1880 г. Часть II.

ВИЛЬНА. Въ типографіи Л. Л. Маца, на
Квасномъ переулкѣ, д. № 1195/6 1894 г.

יוסף בן אהרן

Дозволено цензурою Кіевъ. 28 Января 1894 г.

H 93



אלטער לעב קומט ווידער צוא זיך ער דאנקט גאט זינגט און גייט ווידער צו מזל אויס, ער גיפינט טירקישען ווייטץ, קאקעריזעס, קאקאניה בוניסליך, ברויט, איין פאפוגייא, און מאכט זיך איין שיף.

אז דער חליף ליגט דיר אפילו שוין אויף דעם האלז טארסטו צישט אן נאטם רחמנות פאר געסען לערנען אונז אונזערע חכמים וויל גאט איז תמיד גירעכט ער האלט איבער אונז זיין רעכטע האנט אויס דער גרעסטער סכנה איז ער אונז תמיד מציל ער שיקט תמיד דיא רפואה פאר דיא מכה שוין איז אלטער לעב טויט גילעגען ער

צווייטע טהייל האט

האט גאר נישט גיוואוסט אויב ער לעבט פלוצלונג האט דער פונק פון לעבען זיך ביא איהם ווידער אן גיהאפט ער האט אן גיהויבען ווידער אטום צוא ציהען דער דעק האט אן גיהויבען ווידער צוא זיין אונ איז אין אהיטץ אריין גיפאלען אז עס האט איהם שיר פאר ברענט , פון היטץ איז ער אריין גיפאלען אין אגוטען שוויים אונ האט אהאלבע שעה אב גישוויצט אונ האט גיפילט אז עס איז איהם אסאך בעסער .

דער דארשט האט איהם גאר גישארפט דאס וואסער האט שוין פון דער היץ גישטונקען צום גרעסטען גליק האט ער אהאלבע לימונע דער זעהן ליגען וויא ער האט נור דיא זאפט אויס גיסמאקצעט איז ער גאר איין אנדער מענטש גיווארין ער האט זיך אין איטליכען אבר גאר דער קוויקט אונ ווידער אין אזיסען שלאף אריין גיפאלען ער שלאפט רוהיג שטיל אונ גישמאק .

ער איז אויף גישטאנען אויס דעם שלאף ער איז נאך זייער מיד גיוועזן אבער ער האט זיך שוין פארט גיקענט אויף שלעפען וויא ער האט דער זעהען אניבראטענע בולבע ליגען האט ער זיא מיט לימינעם באגאסען אונ עס האט איהם זייער זיס גישמעקט זיינע לאמאס זיינען נאך אלץ איהם ביא דיא פיס גילעגען אום גיגעסען אונ אום גיטרונקען אזוי גיטרייא זיינען זייא איהם גיוועזן אז זייא האבען זיך פון ארט נישט גערירט .

דיא לאמאס האבען אטבע וויא דיא קעמלעך אונ האבען אויך גיקענט לאנג לעבען אן עסין אונ אן טרינקען דיא מוטער פון זיינע לאמאס האט ער אויך אויס גימאלקען אונ דיא מילך גיטרונקען ער האט תיכף אגרויסען הונגער באקומען ער האט זיך מיט בולבעס אונ זאפט פון לימינעם אן גינאסין ער איז גישמאק איין גישלאפען גיווארען אונ האט זיך ערשט אויף גיהאפט אז דיא זון איז אונטער גיגאנגען .

אלטער לעב האט זייער אגוטע אונ גיזונטע טבע גיהאט דער זיסער שלאף אונ דאס אויס רוהן האבען איהם זייער גוטס גיטאן ער איז ביסלעך וויים צוא זיין כח גיקומען ער זעצט זיך אנידער

קֶענֶען דֶער גִילְדֶענֶער זוּן אוּנ זִיא הָאט אִיהם דוּרְךְ אוּנ דוּרְךְ גִיוַואַרִימְט עֶר אִיז גָאר וְויא נַייא גִיבָּארֶען גִיוֶועזֶען , עֶר וַואַרְפְט זִיךְ אַנִידֶער וְויא גְרוֹיס עֶר אִיז פַאר נָאט דִיא שַׁיין פוּן דֶער זוּן הָאט זִיךְ נָאךְ דוּרְךְ דִיא צְוַויינֶען פוּן דִיא הוֹיכֶע בֵּיימֶער דוּרְךְ גִיבְּרָאכֶען , אַצוּנְד אִיז דִיא צַייט נָאט צוּא דַאנְקֶען פַאר דֶעם וָואס עֶר הָאט מִיר בַּיים לֶעבֶּען דֶער הַאלְטֶען (אַזוֹי זָאגְט עֶר צוּ זִיךְ אַלֵיין) .

גְרוֹיסֶער נָאט דוּא בִּינְסְט דִיא קְוַואל פוּן דִיר פְלִיסְט צוּ אַלֶע דַיינֶע בַּאשֶׁעפֶענִישֶׁען דָאס לֶעבֶּען זַייא גִידַאנְקְט זַייא גִילוֹיבְּט וָואס דוּא הָאסְט מִיךְ וִוידֶער גִילָאזְט דֶעם לִיכְטִיגֶען טָאג זֶעהֶען דוּא הָאסְט מִיר נָאךְ צַייט גִישַׁיינְקְט מִיךְ צוּא בֶּעסֶערְין אֶפְשַׁר וֶועל אִיךְ נָאךְ אַיידֶער אִיךְ שְׁטַארְבּ צְוִוישֶׁען מֶענְשֶׁען קוּמֶען וֶועל אִיךְ זֶעהֶען קֶענֶען זַייא צוּ זַיין וְויא דוּא קֶענֶען מִיר , עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוְונֶען אוּנ זֶעט בְּלָאה אוּנ לוֹיטֶער דֶער הִימֶעל אִיז וְויא אַשַׁיינֶער סַפִּיר , עֶס צוּא נֶעמְט אִים גָאר דֶער גִישְׁמַאק פוּן דִיא חַיינִיוְודִינֶע גְרֶעזְלֶעךְ אוּנ מַלְכוּתְדִיגֶע קְרַייטִיכֶער אַלֶע בֵּיימֶער זַיינֶען גִישְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דִיא שְׁטְרַאהְלֶען פוּן דֶער זוּן וְויא אוּנְטֶער אַקְרוֹין , זַיינֶע לאמאס שְׁפִּילֶען זִיךְ עֶר גֵייט אַהֵיים זֶעצְט זִיךְ אוֹיף דֶער פְרִישֶׁער לוּפְט דֶער פוּן אִיז עֶר גִיזוּנְד אוּנ שְׁטַארְק גִיוָוארִין עֶס הָאט אִיהם מִיט גִיגֶעבִּין עֶר זָאל דַאנְקֶען נָאט פַאר דִיא נִיסִים עֶר לֵיינְט זִיךְ אַנִידֶער אוּנ זִינְגְט אַיין דַאנְק לִיד צוּא גָאט .

דִיר גָאט גָאר דִיר גִיהֶערְט כָּבוֹד אוּנ עֶהר
חוּץ דִיר אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גָאט מֶעהר
פָאלְגֶען וֶועל אִיךְ דִיךְ וְויא בִּיז אַהֶער
אוּנ זִינְדִיגֶען וֶועל אִיךְ שוֹין נִישְׁט מֶער

אַזוֹי הָאט עֶר עֶטְלִיכֶע טָאג גִידַאנְקְט בִּיז עֶר אִיז שוֹין גַאנְץ גִיזוּנְד גִיוֶועזִין עֶר הָאט וִוידֶער שוֹין גִיקֶענְט אַרְבַּייטֶען , צוּם עֶרְשְׁטֶען הַאפְּט עֶר זִיךְ צוּ זַיינֶע טֶעפּ מִיט גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אַז דִיא טֶעפּ זַיינֶען גֶעטְרִיקֶענְט אוּנ שְׁטַארְקֶער גִיוָוארֶען , נוּר עֶר הָאט צַעַר גִיהַאט וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶער מָאנְט אַז דָאס פַייֶער אִיז אִים אוֹיס גִיגַאנְגֶען נָאר עֶר הָאט אַצוּנְד זִיךְ נִישְׁט גִיוָואלְט קְרַיינְקֶען אוּנ הָאט גְרוֹיס בִּטָחוֹן

גִיהַאט צוּם אַייבִּירְשְׁטֶען וָואס הָאט אִיהם אַזוֹי פִיהל נִיסִים בַּאוִויזֶען אַז עֶר וָועט אִיהְם אַוַדַאי וַוייטֶער אוֹיךְ הֶעלְפֶין •

דֶער מֶענְטְשׁ מוּז תָּמִיד שְׁטְרֶעקֶען נָאךְ דִיא עֶקֶען הַיינְט וַוייל עֶר הָאט קֵיין פַייעֶר נִישְׁט גִיהַאט הָאט עֶר זִיךְ בַּאנוּגֶען גִילָאזְט מִיט פּוּטֶער קֶעז אוּנ מִילְךְ וָואס עֶר הָאט פוּן זַיינֶע לַאמַאס טֶעגְלִיךְ אוֹיס גִימָאלְקֶען פוּן דֶער אָפּ גִישְׁטַאנֶענֶע סְמֶעטֶענֶע הָאט עֶר אָפּ גִיהוֹיבֶּען אוּנ קֶעז גִימַאכְט מִיט זַאלְץ דוּרְךְ גִימִישְׁט אוּנ הָאט גְרוֹיס נַחַת גִיהַאט נָאר וָואס הָאט עֶר גִיזָאלְט טָאן מִיט וָואס הָאט עֶר גִיזָאלְט דִיא פּוּטֶער עֶסֶין מִיט קַארְטָאפְלִים עֶר הָאט קֵיין פַייעֶר נִישְׁט גִיהַאט צוּא בְּרָאטֶען אוּנ עֶר הָאט גִיוָואלְט אַמָאהל אַשְׁטִיקֶעל פְלַייש אוֹידֶער פִיש עֶסִין הָאט עֶר עֶס גִימוּזְט בְּרָאטֶען וִויא דִיא טַאטוּרֶען צְווִיסֶען דִיא שְׁטֵיינֶער אַזוֹי וִויא אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין דֶער צֵיילְט •

דוּא מֶענְטְשׁ אַרְבֵּייט אִיךְ וֶועל דִיר שׁוֹין הֶעלְפֶען אִין אַלֶעם וָואס דוּא וֶועסְט נָאר טָאן אַזוֹי לֶערְנֶען אוּנְז אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים, אַלְטֶער לֶעבִּין אִיז זַייעֶר נִמְאָס גִיוָוארֶען דָאס לֵיידִיג גֵיין אוּנ נִישְׁט וִויא דִיא פוֹילֶע לַייט וָואס וִילֶען נִישְׁט אַהַאנְד אִין קַאלְט וַואסֶער אַרַיין טָאן נָאר זַייא לִיגֶען אִיבֶּער אַנַאנְדֶער אוּנ לָאזֶען אַנְדֶערֶע אוֹיף זִיךְ אַרְבֵּייטֶען, בַּייסֶען אָבּ דִיא הוֹיט נַארֶען אוֹיס דִיא עֶטְלִיכֶע גִילְדֶען עֶס אִיז זַייעֶר אוּם רֶעכְט וַוייל דוּרְךְ דֶעם וִויל קֵיינֶער נָאר נִישְׁט אַרְבֵּייטֶען נָאר לֵיידִיג גֵיין וֶוער עֶס קֶען אָבֶער דִיא וֶועלְט קֶען אַיין זֶעהֶען אַז אִיבֶּער דֶעם לֵיידִיג גֵיין שְׁטֶעקְט בַּייא אוּנְזֶערֶע אוּמָה אַזַא גְרוֹיס עֲנִיוּת אִיבֶּער דֶעם וִויל דֶער עוֹשֶׁר יֶענֶעם קֵיין צְדָקָה נִישְׁט גֶעבֶּען וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא אַז עֶר וֶועט אַוֶועק גֶעבֶּען וֶועט אִיהְם נִישְׁט בְּלַייבֶּען אִיבֶּער דֶעם אִיז דֶער עוֹשֶׁר אַיין בַּעַל גַאֲוָה אִיבֶּער דֶעם קוּמֶען אַרוֹיס אַלֶע עַוְלוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט וַוייל לֵיידִיג גֵיין אִיז דִיא הַתְחָלָה פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, אלטער לעב הָאט זִיךְ אִיבֶּער דֶעם מְיַישֵׁב גִיוֶועזִין אַז עֶר מוּז עֶפֶּעס אַרְבֵּייטֶען, לַאנְג הָאט עֶר נָאךְ גִיקְלֶערְט אוּנ הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט צוּא וָואס עֶר זָאל זִיךְ נֶעמֶען צוּם סוֹף הָאט עֶר זִיךְ אוֹיס גִיטְרַאכְט עֶר וֶועט אוֹיס זוּכֶען אַבּוֹים צוּא

מאכען אקליין שיפעל ער זאל קענען ביינן אהיים צו זיינע עלטערין .

איבעריג וועג וויא ער איז גיגאנגען צווישען דיא תבואות און פירות האט ער מורא גיהאט זייא אן צוא רירען אפשר איז דאס סם דער ווייל האט ער גיפונען טירקישען ווייץ וואס דארט הייסט עס מיים און בייא אונז קאקארוזעס ער האט גרויס עגמות נפש גיהאט ווייל ער האט גיוואוסט אז דאס איז גוט גיבראטען אודער אויס גיזאטען און ער האט קיין פייער נישט גיהאט נאר קודם האט ער דאס מיט גינומען און איז ווייטער גיגאנגען .

וויא ער איז ווייטער גיקומען האט ער דער זעהען אהויכען בוים וואקסען און דיא פירות הייגען אראפ אזוי לאנג וויא אונזערע צוקער שוטען איטליכע שוט האט אין זיך גיהאט זעכצינג בוינדלעך זינט ער לעבט האט ער אזעלכע נישט גיזעהען און האט נישט גיוואוסט וואס דער מיט צוא טאן איינגינטלעך הייסין זייא קאקוא בוינען בייא אונז קאסטען זייא זייער טייער ווארום אז מען ברענט דיא בוינדלעך אזוי וויא קאווע שמעקען זייא זייער שיין און אז מען צוא קלאפט זייא גאנץ דין און פאר מישט עס אין דער מאס מיט צוקער מיט נעגעלעך גיווירטץ און מאכט אין אפורעם אריין קליינע טעוועלעך ווערט דאראוס דיא בעסטע שאקאלאדע דאס איז זייער איניצליכע משקה פאר גיזונטע בפרט פאר אטייל קראנקע .

ווייטער אביסעל וויא ער גייט דער זעהט ער ווידער אגרויסען בוים מיט צווייגען און בלעטער אזוי וויא אונזערע אויבסט ביימער און דיא פירי אזוי גרויס וויא אקאקוסנוס ער האט זיך איין גישטעלט זיין לעבען און האט אפירי אב גיריסען און פאר זוכט פאר שמחה האט ער זיך דער שראקען זיין אייגענע שיין האט ער גישט גיטרויט ווייל עס האט אזא טעם גיהאט וויא ברויט דער בוים הייסט ברויט-פרוכט בוים און מען עסט דיא פרי רויערהייט והאט איהם נאט צוא דער פוטער שוין ברויט אויך באשערט נוא ווער איז גליקליכער פון איהם .

ער האט ניטאנצט ארום דעם ברויט-פרוכט בוים אונ האט דער זעהען אז דער בוים איז אויף איין זייט גאנץ אויס גיהיילט אונ ער טראכט זיך ביי זיך וויא גוט וואלט דער בוים גיוועזין פאר איין שיף. שנייד דיר דעם אוידער דעם פינגער אפ וויא מען לייגט דעם קראנקען איז איהם אלץ וייא וואס זאל ער טאן וואס פאר איין עצה האט ער זיך גיזאלט געבען זאל ער דעם בוים אויס האקען אונ זיך א שיף מאכען וואז וועט ער ברויט נעמען זאל ער דאס ברויט וואקסען לאזין וויא וועט ער נעמען אזא פארטיגען אויס גיהוילטען בוים אויף איין שיף, אונ ביידע האט ער זייער נייטיג געדארפט וויא איין אויג אין קאפ.

דאס האט ער זיך מיישב גיוועזין אז ער וויל זיך דיא זאך פריער גוט איבער לייגען אונ גייט לשלום אהיים, אונטער וועגינס דער זעהט ער אגאנצע מחנה פון פאפוגעס איינע האט ער גיחאפט אונ האט אהיים גיטראגען אונ האט זיא תיכף אשטייג גימאכט אונ דיא פאפוגע אריין גיזעצט אין איר, איהם האט גארנישט גיקענט אויס זיין קאפ ארויס מיט דעם ברויט אונ מיט דיא שיף, באלד האט ער זיך אליין גיפונען טעמים אונ תרוצים דעם בוים יוא אויס צוא האקען אונ זיך אשיף צוא מאכען אונ באלד האט ער ווידער גיהאט טעמים אונ תרוצים שטיין צוא לאזען ווייל ער גיט איהם ברויט.

צוא זיך אליין זאגט אלטער לעב נוא אלא מאי וועט שוין דיא וועלט אונטער גיין אז איטליכער זאל ווידער מורא האבין אז ער וועט נישט אויס פירין וואס ער האט אין זין צוא טאן וואלט דאך דיא וועלט גאר קיין קיום נישט גיהאט פאר וואס גייט דער פויער אלע יאהר אין פעלד אריין אונ אקערט מיט דעם ביטערין שווייס ער זייעט אביסיל תבואה אונ גאט העלפט איהם אז ער שנייט אב צוועלף מאהל אזוי פיהל אונ אזוי איז אין אלע זאכען, דער מענטש טאר זיך נישט דיא הענד אין שויס אריין לייגען נאר ער מוז אום ארבייטען פלייסיג זיין אונ גאט העלפט אויס פירין, דיא גידאנקען

האט איהם ווידער חשק גימאכט אויס צוא האקען דעם בוים אונ אשיף צוא מאכען . *

ער האט דאס אלץ פון זיך אליין גילערינט אונ: ער האט זיך דעם טאג איין גיטיילט כדי ער זאל נישט צוא פיל ארבייטען ערשטינס גאנץ פריה איז ער שוין אויף גיוועזין אונ האט זיך טעגליך ביא דער רייניע קוואל העגד קאפ ברוסט ריין גיוואשין , צווייטינס אויף דעם בארג האט ער אווינקעלע גיהאט אויף מזרח זייט וואס ער האט עס גירופען דאס היילינע ווינקעלע דארט האט ער טאג טעגליך זייער ערינסט מתפלל גיוועזען , דריטעס איז ער אהיים גיגאנגען אונ האט זיך דיא לאמאס גימאלקען אונ גיטרונקען דיא מילך אונ גיגעסין פת שחרית דאס הייסט אן בייסען ווייל פון דעם ווערט מען זייער גיזונד צום עסין האט ער זיך תמיד אטאג פריער אויף דעם אנדערין אן גיגרייט , פירטינס האט ער זיך דאס גיזעער אן גיטאן אונ איז אויס גיגאנגען צום בארטען נאך הערינג ער פאר טרייבט דיא לאמאס אין פעלד אריין אונ זייגער צעהען האט ער זיך צוא זיין ארבייט גינומען אונ האט פלייסיג גיארבייט ביז קענען זייגער זיבען דער נאך איז שוין פינצטער גיווארין האט ער זיך אין דער פינצטער גילערינט פעכטען אונ מיט פיילען שיסען ער האט קריאת שמע גילייענט אונ זיך גילייגט שלאפען , אגוטע נאכט אלע ערליכע אונ גוטע מענטשין אין כלל אריין .

יא) אלטער-לעב גייט וואנדרעווען , ער געפינט פאפיר , ציידענצייג , ער שרעקט זיך פאר ווילדע מענטשען , ער הערט איין קול , דער שכל קומט ערשט נאך דיא יאהרען , ער מאכט זיך אפעסטונג , אוועג אונטער דער ערד , דרייסיג ווילדע מענטשען הארגענען איינעם אונ פרעסען איהם , ער טרעט איינעם מיט דיא פיס דעם אנדערין דער שטעכט ער , דעם דריטין איז ער מציל אונ נעמט אים צו זיך אהיים.

צווייטער טהייל אלטער

אלטער לעב איז שוין צְוַואנְצִיג יָאהְר אַלְט גִיוָוארִין אוּנ הָאט זִיךְ זַייעֶר פִּיהל גִיבֶּעסֶערְט עֶר הָאט גִילֶעבְּט אִין דֶער מָאס תָּמִיד אֵלְם צוּ דֶער רֶעכְטֶער צַייט זַיין עֶסִין טְרִינְקֶען שְׁלָאפִין אוּנ אַרְבֵּייטֶען הָאט אִיטְלִיכָעס בַּאזוּנְדֶער זַיין צַייט גִיהַאט אוּנ דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר זִיךְ קַיין מָאהְל גִישְׁט אִיבֶּער גִיגֶעסֶען אוּנ נִיט אִיבֶּער גִיטְרוּנְקֶען עֶר אִיז תָּמִיד גְלַייךְ גִיזוּנְד גִיבְּלִיבֶּען דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר תָּמִיד גִיקֶענְט מִיט אַרַיין הַארְץ צוּא גָאט בֶּעטֶען אוּנ פְּרִישׁ אַרְבֵּייטֶען עֶר הָאט טָאג טֶעגְלִיךְ זַייעֶר פְלַייסִיג גִיאַרְבֵּייט אוּנ זַיין בּוֹים וַוייטֶער אוֹיס גִיהוֹילְט כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ אוֹים אִיהם אַשִׁיף מַאכֶען הָאט עֶר נָאךְ נִישְׁט אַמָאל דִיא הֶעלְפְט פַּארְטִיג גִיהַאט.

עֶר אִיז זִיךְ מְיַישֵׁב דִיא קֶענְפֶּע אַרוּם אוּנ אַרוּם דוּרְךְ צוּא וַואנְדֶערֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַזֶעץ גֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט נָאךְ עֶפֶּעס גִיפִינֶען וָואס עֶס זָאל אִיהם צוּא נִיץ קוּמֶען, עֶר גֵייט גִישְׁווִינְד אַהֵיים אוּנ מַאכְט זִיךְ פַּארְטִיג אוֹיף דֶעם וֶועג עֶר נֶעמְט זִיךְ מִיט זַיינֶע קְלֵיידֶער פַּאקְט עֶס אוֹיף אַלַאמַא טוּט זִיךְ אָן זַיינֶע קְלֵיידֶער זַיין גִיוֶועהר גִיזֶעגִינְט זִיךְ מִיט דִיא פִיר וֶוענְד זָאגְט עֶרִינְצְט תפלת הדרך, גְרוֹיסֶער גָאט פִיר מִיךְ בְּשָׁלוֹם אִין רֶעכְטֶען וֶועג זַייא מִיךְ מַצִיל פַאר ווִילְדֶע חָיוֹת אוּנ מֶענְטְשֶׁען לָאז מִיךְ וַוייטֶער בַּייא דִיר חֵן הָאבֶּען אוּנ מִיט דַיין חֶסֶד דַיין רַחֲמִים זָאלְסְט דוּא מִיךְ ווִידֶער בְּשָׁלוֹם אַהֵיים בְּרֵיינְגֶען דוּא הָאסְט תָּמִיד מַיין גִיבֶּעט דֶער הֶערְט דֶער הֶער מִיךְ הַיינְט אוֹיךְ, אַזוֹי הָאט עֶר גִיבֶּעטֶען אוּנ גֵייט זִיךְ זַיין וֶועג מִיט קָארַאשׁ דִיא קֶענְפֶּע אִיז גְרוֹיס גִיוֶועזֶען דְרַייא מַייל אִין דֶער לֵיינְג אוֹיס זִיבֶּען מַייל רַייז אַרוּם אוּנ אַרוּם.

וַוייל עֶר הָאט גִיצִיטֶערְט פַאר ווִילְדֶע מֶענְטְשֶׁען אוּנ ווִילְדֶע חַיוֹת הָאט עֶר נָאךְ אַלְץ זִיךְ גִיהַאלְטֶען בַּיים בָּארְטֶען פוּן יַם וַוייל עֶר אִיז מִיט דֶעם וֶועג אַבִּיסֶעל בַּאקֶענְט גִיוֶועזִין, דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג תיכף אִיז עֶר אִיבֶּער דְרַייא מַייל אַיין גִינַאנְגֶען אוּנ וָואס עֶר אִיז וַוייטֶער גִיקוּמֶען הָאט עֶר אַלְץ מֶער גִיזֶעהֶען וַואקְסֶען זַייעֶר פִיהל תְּבוּאוֹת פֵּירוֹת בְּשָׂמִים גִיווִירְץ אוּנ אַלֶערְלֵייא קְרַייטִיכֶער אַלֶע זַאכֶען זַיינֶען גִיוֶועזִין צוּם מֶענְטְשִׁינְס בַּאדֶערְפֶענֶעשׁ נָאר עֶר הָאט

נישט גיוואוסט וואס דאס איז אונ צוא וואס עס קומט צוא נוץ נאר אזוא פיל האט ער זיך משער גיוועזען אז זיין דירה איז אויף דעם ערגסטען ארט אויף דער קענפע מיט דער צייט האט ער גיוואר גיווארען וויא דאס גיוועקס אלע הייסען אונ צוא וואס זייא קומען צוא נוטץ למשל עס האבין דארט גיוואקסען ביימער האבין זייא גיהייסען פאפיר מויעל בערין ווייל אין יאפאן מאכט מען אויס דיא בלעטער דאס שענסטע פאפיר אונ אין אטיימע מאכט מען דרויס זומער קליידער אזוא וויא בייא אונז אויס זיידען צייג.

דיא ערשטע נאכט אונטער וועגינס האט אלטער לעב אזויא וויא אין דער תחלה אויף אבוים איבער גינעכטיגט פאר טאג שטייט ער אויף אונ וואנדערעוועט זיך ווייטער ביז ער האט דיא קענפע ארום אונ ארום גירינגעלט דער גאנצער וועג איז זייער זאמדיג גיוועזין, אום בעשרייבליך איז דאס דער שרעקענעש גיוועזין וויא ער האט גיוואלט צום שפיץ בארג צוא גיין אונ האט אין זאמד דער זעהען פיס טריט פון מענטשען איז עס איהם שיר אום גיקומען פאר ציטערין ווארום ער האט זיך אזוי אב גיקלערט קיין רעכטער מענטש פון אונזער לאנד איז דא אוואדי נישט פאר האנדען מוזען דאס זיין ווילדע מענטשען וואס פרעסען מענטשען פלייש, וויא דיא גידאנקען איז איהם אנגיקומען אז מען וועט איהם לעבעדיגער הייט אויף פרעסען איז ער נאר אוים מענטש גיווארין.

אזוי איז דאס אגרויסער חסרון פאר דער שרעקענעש דעם שכל צוא פאר ליהרען דאס איז זייער אום גיזונד מיט דרך הטבע, דאס הייסט מיט דעם נאטירליכען וועג האט ער זיך אוואדאי גיהאט זייער צוא שרעקען נאר איך מוז אייך הכלל זאגען אז אפילו ביים גרעסטען דער שרעקענעש מוז דער מענטש זיין שכל בייא זיך האבין אז נישט איז פאר איהם גאנץ נישט גוט עס הייגט איינעס אן דעם אנדערין אז מען גלייבט אן גאט אליין אז מען האט דעם גאנצען בטחון נאר צוא איהם אונ אז מען האט נאר פאר איהם מורא אוים ליבשאפט אונ מען ווייסט אז נאר ער איז אמשגיח אז נאר ער גיט אליין אויף אלעם אכטונג וואס דעם מענטשען טרעפט

זיך דאס דער האלט דעם חכם תמיד ביא זיין שכל אז עס קומט אויף איהם איין אום פאל חס ושלום נוא. ער איז דאך נאר א מענטש אבער תיכף איבער לייגט ער זיך מיט שכל און דער מינטערט זיך ווידער און האפט צוא גאטס הילף וואס וועט אוודאי באלד ווידער קומען, אבער מענטשען וואס גלייבען ניט און האבין מורא פאר רוחות שדים לצים כישוף און נאך אן אנדערע שטותים און נארעשקייט אויף אזעלכע מענטשען אז עס קומט נאר עפעס דאס מינדעסטע קריגען זייא תיכף דיא ניכפע עס קומט זייא צוא אויף דעם ארט און פאר ליהרען גלייך דעם שכל זייא ציטערין וויא אפיש אין וואסער.

נאך הכלל וועל איך איין געבען דיא מענטשען וואס פירען זיך זייער לעבען לאנג גוט אויף קענען זיך און קענען אנדערע מענטשען איטליכער נאך זיין שטייגער נאך און קענען אלעס וואס עס טרעפט זיך זייא, פאר ליהרען זייא קיין הארץ נישט און שטייען בעהארצט וויא דיא גבורים אין דער מלחמה, זייא פעכטען מיט קוראש קענען אלעס וויא אקענען שונאים דיא איבער שרעקען זיך קיין מאל נישט ווייל דער שכל זאגט מענטש האב קיין מורא אז דוא ביסט נאר קענען נאט קענען דיר און קענען לייט גוט פרום עהרליך קען דיר קיין שלעכטס נישען פאר קעהרט אבער מענטשען וואס זינדיגען קעגין זיך און קעגען אנדערע מענטשין די האבען בלוים קיין איבער לייגונג נישט איבער דעם אז עפעס קומט אויף זייא בלייבען זייא שוין אן לעבען ווייל דער שכל שטייט גאר פון ווייטינס און באווייזט זייא צוא קוקענדיג פאר וואס זייא האבין אים קיין מאהל נישט גיוואלט צו הערין און נישט פאלגען.

דאס איז אויך זייער אגוטער כלל מענטשען וואס עסין טרינקען, שלאפען און ארבייטען מיט דער מאס בפרט מאכלים און משקות וואס זיינען פאר זייער נאטור גוט און גיזונד דיא שרעקען זיך אויך נישט אזוא שטארק, פרעסערס ליידיג גייער דיא שרעקען זיך תמיד אז דיא פיס ציטערט אונטער זייא, ווען אלטער לעב איז זייער גוט פרום מיט בטחון קענען נאט גיוועזען און מיט דער מאס גיגעסין

ביטרונקען האט איהם פארט. דאס דער שרעקעניש גישאט ווייל ער איז געוואוינט געוועזן שלעכט. צוא זיין איבער דעם מעג איטליכער פאטער פון קינד ווייס אויף, אויף זיינע קינדער אכטונג געבען אז זייא זאלען בעהארצטע אונ גוטע קינדער זיין וועט שוין ממילא אויס זייא גוטע אונ פרומע מענטשען ווערען אונ דער שרעקעניש וועט ביי זייא אקליינינגקייט זיין.

פון נסיונות אויף דער פרוב צוא באשטיין האט אונזער אלטר לעב נאר נישט געוואוסט ווארום ער איז נאך נישט געוועזן ביי דער מדריגה אז ער זאל אלץ דינג אן נעמען באהבה ער האט נישט געוואוסט אז מיט דעם רעכטען צדיק איז גאט מדקדק ווען ער פלעגט נאר אויף אהאר באשטייט, אבער דער צדיק אויף דער פרוב האט ער דער נאך נאך מעהר שמחה אונ תענוגים, ער האט באלד חרטה געהאט פאר וואס ער האט זיך אזוא דער שראקין אבער עס איז אויס איהם נאר דיא נשמה ארויס. פאר גרויס דער שרעקעניש אז דער ווינד האט צווישען דיא ביימער עפעס גירוישט האט זיך איהם שוין געדאכט אט האפט מען איהם אט ברענגט מען אט בראט מען אט עסט מען איהם שוין לעבעדיגערהייד אויף, אין גרויסע לייד אונ צרות גייט ער פאר ביי פאר אפלאץ וואו ער האט דער זעהען אז ערשט נית לאנג האט דא אפייער געברענט ווארום עס איז נאך געוועזן פריסעק אונ אש עס ליגט מענטשען ביינער קעפ הענד פים אויף אטייל האט נאך שטיקער פלייש גיקלעבט, דיא מעשה איז אזויא, דיא ווילדע מענטשען האלטען תמיד קעגען אנדערע מלחמה אונ דיא געפאנגענע בינדען זייא מיט שטריק הענד אונ פים, מיט שפילען מיט טאנצען פירין זייא דיא געפאנגענע מענטשען אונ אזוי וויא מיר טוען מיט בהמות אונ עופות דעם הונגער זעטיגען אזוא טוען זייא מיט מענטשען ווייל זיי האבין נישט קיין אמונה אונ קיין גוטע מדות.

עס איז איהם דיא גרינגע נאל איבער גינאנגען עס איז אים זייער נישט גוט גיווארען ער האט זיך גאר נישט געפיהלט אויב ער לעבט ביז ער האט געבראכען קוים איז ער ווידער אביסעל

צוא זיך גיקומען האפט ער דיא פיס אין דיא הענט ער האט זיך געיאנט וויא דער פייל פון בויגען מער פון צוויא שעה ער האט זיך נאר ניט אויף זיך אליין אונ אויף זיינע לאמאס אום געקוקט זייא זיינען איהם פראווידא נאך גילאפען נאר זייא האבען איהם נישט גיקענט דער יאגען , איבער דעם שטארקען לויפען האט ער אלץ דינג וואס ער האט נאר גיהאט אויף זיך פאר לוירען אונ וואס עס איז נאר אויף איהם שווער גיוועזען האט ער אוועק געווארפען כדי עס זאל איהם גרינגער זיין צוא לויפען .

עס האט איהם אויף דאס נייא אן געהויבען צוא ציטערין צוא פלאטערען אונ צוא שוידערען אז ער האט אבער ווידער דער זעהען אזו איין ארט וויא פריער ער האט געמיינט אז דאס איז ווידער אזא שיין ערטעל , וואו דיא ווילדע מענטשען האבין זיך דא אזא גילדערנע סעודה גימאכט , איין צאהן מיט דעם אנדערען האט איהם גיקלאפט גישווינד וויא דער ווינד איז ער גילאפען ביז ער איז פאר מידיקייט אום גיפאלען דיא גיטרייע לאמאס האבען איהם אפגעזוכט אונ האבען זיך אויך זייער מיד פאר זיינע פיס אנידער געלייגט זייא האבין איהם דא אזוא גיטרייא געהיט ער האט זיך זייער געוואונדערט וויא זיינע זאכען אלע זיינען אזויא צוא זייט אונ צוא שפרייט גיוועזען אלץ דינג וואס עס האט זיך דא גיטאן האט זיך איהם גידאכט וויא אבייזער חלום אונ דאס דער שרעקענעש האט אביסעל נאך גילאזט, דער הונגער האט איהם זייער ביא דעם הארץ גינאגט אונ ער האט זיך דעם הונגער גישטילט נאר מיט אקאלטען טרונק וואסער , דיא נאכט איז זייער צוא גיפאלען אונ עס איז איהם אום מעגליך גיוועזען היינט נאך אהיים צוא קומען אונ ווייל ער האט נאך פיל אנדערע נוטע טעמים גיהאט פאר וואס ער זאל דיא נאכט נישט אין דער היים שלאפען איז איהם בעסער גיוועזען דא צוא איבער נעכטיגען דאס איז גיוועזען זיין זומער גארטען וואס ער האט זיך אליין גיפלאנצט פון דאנען איז נאך אהאלבע מייל גיוועזען פון זיין היים ער האט זיך איבער גיקלערט אז דא איז זייער נישט גוט ווייל עס איז אונטער דעם פרייען

הימעל ער האט אבער שוין קיין ברירה נישט געהאט ווייל אזוא באלד ער האט זיך אנידער געלייגט האט ער שוין קיין כח נישט געהאט ווידער אויף צוא שטיין .

איין אומגליק ברייננגט דאס אנדערע קוים האט ער אן גיהויבען מיט גיווין קריאת שמע צוא לייענען אונ טויזינד אנגקסטען האבען אויף איהם געשלאגען דיא מענטשען פרעסירם דיא ביינער קעפ הענד אונ פים האבען איהם גאר נישט גיקענט אוים דעם קאפ ארוים ער הערט פלוצלונג אקול פון דער לופטען אלטער לעב אלטער לעב וואו ביזט דוא אזויא וויא אדם הראשון האט זיך דער שראקין פאר גאט אז ער האט איהם גירופען ווייל ער האט גיזינדיגט אונ גינעסין פון דעם עץ הדעת אזו האט עס מיט איהם געווארפען ער האט ניט גיקענט דאס ווארט ארוים ריידין פאר דער שרעקעניש ער האט ניט געוואוסט צוא זאל ער דא בלייבען צוא ווייטער אנטלויפען דאס קול שרייט ווייטער פון וואנעט קומסט דוא וויא אהין גייסט דוא , שוין רעכט זאגט ער צוא זיך אליין , שוין רעכט דא קומט שוין דער מלאך המות נאך מיין נשמה ווער קען דען מיין נאמען ווער דען קען מיך אזויא פרעגען , ער האט זיך פארט דער וואזעט אונ דער וואגען צוא קוקען אהין פון וואנעט דאס קול איז גיקומען ער האט פאר גרויסע צרות גימוזט לאכען ווייל דאס איז גיוועזען זיין פאפוגע דיא ווערטער אלע האט ער זיא אליין אויס גילערינט ער רופט פאל פאל ווארום אזו האט ער דיא פאפוגע ביים נאמען גירופען זיא איז צוא איהם גיקומען צוא פליהען אונ האט זיך מיט איהם דיא גאנצע נאכט געשפילט ווארום ער האט נישט גיקענט איין אויג צוא מאכען ווייל אלץ דינג וואס ער האט גיזעהען איז נאך פאר איהם געשטאנען .

דער שכל קומט נאך דיא יאהרען ווארום דענצמאל אז דער מענטש וויל אמאהל חרטה האבען אונ קומט וואול צום שכל איז שוין צוא שפעט אלטער לעב האט מיט זיך אפ גישמועסט אז וויא באלד ער שטייט נאר אויף , לויפט ער אהיים אונ מאכט ווידער אלץ דינג קאליע וואס ער האט ביז אהער מיט אגרוים מיה מיט מאטער

צוא נויף גיבראכט זיין גאנץ פאר מעגען זיין דירה זיינע גערטנער אונ פעלדער וויל ער אלץ דינג פאר וויסטען אונ פאר שיטען עס זאל דער פון גאר קיין זכר נישט בלייבען נוא וואס איז גאט שולדיג אז דער מענש וויל דווקא שלעכט זיין אונ טוט זיך אליין שלעכטם גינוג ער האט דעם מענשען גישיינקט צווייא וועגען אונ האט איהם אליין איין עצה גיגעבען ער זאל זיך אויס קלייבען דעם גוטען וועג וויל דער מענש נישט פאר שפילט ער ביידע וועלטען .

אונ וויא באלד אלטער לעב איז נאר אויף גישטאנען האט ער זיך ווידער גאר אנדערם מיישב גיוועזען אונ זאגט נאראנים בייזערען זיך בשעת כעס אין דער ערשטער היץ מיינען זייא אז עס איז שיין גוט אונ קלוג אלץ דינג צוא פאר דארבען צוא צוברעכען דיא שענסטע אונ טייערסטע כלים אדער זאכען , קלוגע מענטשען אבער שמועסען תמיד אן היץ מיט איבער לייגונג , ער פרעגט זיך אליין גיוואלד גישריען וואס האב איך דא גיוואלט טאן מיין מיה מיינע ארעמע בהמות מיין גאנצע פראצע האב איך גיוואלט צוא נישט מאכען איז דען פאר האנדען איין גרעסטע זינד אויף דער וועלט וויא צו זיין איין עובר בעל תשחית דאס הייסט זאכען אמישנה פאר כעס צו פאר דארבען , אוי וויא מיר גישעהן איך זעה ערשט אז אפילו דאס וואס מיין דירה איז אויף דעם ערגסטען טהייל פון דער קענפע איז אויך נאר גאטס גרויסע מעשים דורך זיין השגחה ווארום עס האט אפנים אז אויף דער קענפע אליין זיינען נישט פאר האנדען קיין ווילדע מענשען נאר צו ציטען קומען זייא זייער סעודה צוא פרעסין נישט לאנג פארווייליען זייא זיך דא ווייל וויא באלד זייא זיינען פארטיג, שיפען זייא זיך ווידער אהיים אבער אויף דעם ארט וואו מיין דירה איז מוזען זייא גאר קיין מאהל נישט קומען ווייל ער איז דער ערגסטער טייל , אכזרים גייען ליבער אויף דיא זייטען וויא עס וואקסען טויזענד מאהל מעהר אונ שענערע זאכין אזוי האט ער ווידער מתודה גיוועזען אונ שטעלט זיך דאווענען מיט גרויס התלהבות אונ מיט פיל חרטה .

וויא באלד ער האט נאר אבגידאווינט האט ער איבער גיביסען

אונ זיך ווידער צו זיין ארבייט גינומען ווייל ער האט ; בער אצונד שוין נאך מעהר מורא גיהאט פאר ווילדע מענשען האט ער זיך ארום אונ ארום זיין דירה אפעסטונג גימאכט ער פאר צאמט זיך ארום מיט ביימער ערד קליינע שטיינדליך בלעטער אונ וואסער פריער האט ער זיך אנגיגרייט ברויט הערינג לימענעס זאלץ אלערליא פירות וויא ער איז פארטיג גיווארען מיט דעם גרויסען פלאנקען האט ער זיך גרעפין אויס גישניטען כדי ער זאל קענין לייכט ארין אונ ארויס גיין דער נאך האט ער זיך פון זיין קעלער אונטער דער ערד אוועג גיצויגען ביז צום בארג ארויס כדי אז מעוועט אים אמאהל איבער פאלען זאל ער קענין הינטענארומער אנטלויפען עס האט אים מער נישט גיפעהלט וויא נאר נאך אב־ונים אין הויף ער האט זיך משער גיוועזין אז ער איז עס נישט אומשטאנד אויס צו פיהרען בפרט ער האט קיין כלים נישט דער צו גיהאט .

דיא נויט האט אלטער לעבען פאר זייער אנגטען מבין גימאכט אונ זאגט אזוי אוי ווייא וויא פיהל איך אצונד ערשט דיא זיסע ווערטער פון מיינע גיטרייע עלטערין אצונד בין איך ערשט זייא צוא גלייבען גיקומען יא יא איך זאל גיוועזען זייא פאלגין אונ אלץ דינג לערנען וואלט אזוי וואוהל מיר גיוועזען מיך האט נאר פארדארבען ווייל איך פלעג חברים צוא האבען אונ ארום צוא לויפען מיט לאמפערטעס מיינע עלטערען פלעגען מיר תמיד פאר צוא ווארפען ווילסט דוא אויך מיט גיוואלד איין אומזיסטיגער פרעסער זיין איך האב זייא קיין מאהל נישט גוט פארשטאנען .

היינט אז איך בין אבער פארווארפען גיווארען אויף דער וויסטער קענפע אונ בין אזוי גליקליך גאט צוא דערקענען זיינע ניסים אלע מינוט אלע רגע מיט מיינע אויגען צוא זעהען אז איך האב זוכה גיוועזען אשמיקעלע שכל צוא האבען מוז איך מיך אליין מקנא זיין ווייל גאט האט מיך מיט זיין רחמים מיט זיין חסד פאר לידיג גיין באהיט וואורום דאס ברויט וואס דער מענש ברייננט זיך איין דורך באטראגען גניבה גזילה אונ רציחה באקומט נאר נישט אונ עס פאלט אים תמיד זייער שלעכט אויס , איין הידויש נפלא כל זמן

איך בין צווישן מענשין גיוועזען האט מיר קיינער נישט גיקאנט
דער קלערין וואס דיא עלטערין האבען גימיינט אצונד זעה איך
אליין אז זייא האבען זייער רעכט גיהאט .

גאט האט אפילו דעם תלמיד חכם דעם למדן פאר באטען זיך
אוים דער תורה אפרנסה צו מאכען איז מיר נאך קשה פאר וואס
מאכט זיך דער פרומער אוים דער פרומקייט אפרנסה איז דען נישט
יעדער מענטש מחויב פרום צוא זיין אונ הייסט דען דאס גאר פרום
אמענש וואס קומט נישט ערגעץ וואס הערט נישט אונ זעהט נישט
וואס אויף דער וועלט טוט זיך לאז ער האנדלען אמשא ומתן מיט
נאמנות, לאז ער דעם אנדערען שיינקען, לייען אן פראצענט, אדער אזוי
העלפין לאז ער טובות טאן וויא איין פרומען מענטש אן שטייט ,
ניין דאס נישט אונ מאכט זיך אוים דער פאלשער פרומקייט אפרנסה
אונ לעבט דער פון , איך אבער וויים ערשט אצונד דעם זיסען טעם
פון אמת פרומקייט אונ דער נעהר מיך פון מיין האנד ארבייט אזוי
האט ער איין לאנגע צייט מיט זיך אליין גישמועסט אונ זיך ווידער
גינומען צו ארבייטען אשיף .

אלטער לעב האט נאך דרייא יאהר צו גיברייננט אויף דער
וויסטער קענפע אונ האט גילעבט מיט דער מאס איין טאג וויא דעם
אנדערען , אמאל אין אשיינעם טאג גאנץ פריה ער האט נאר וואס
אב גידאווינט דער זעהט ער פון ווייטינס וויא עס גייט פון אונטערען
בארג אויף יענער זייט אזוי וויא אגידיכטער שווארצער וואלקען
פון רויך ארוים ער האט זיך דער שראקין אבער נישט אזוי שטארק
וויא דענץ מאהל ער האט גרוים חשק באקומען צוא זעהען וואס
דאס קאן בטייטען אויף דעם בארג פלעגט ער ארויף צוא לויפען
וויל פון דארט האט ער גיקענט ווייט אונ ברייט ארום אונ ארום
זעהען גישווינד איז ער אהין גיקומען אונ האט גיזעהען עטליכע
קליינע שיפלעך ביים בארטען גיאנקערט אונ איבער דרייסיג ווילדע
מענטשען זיצין גאנץ נאקיט אויף דער יבשה ארום אגרוים פייער ,
אן דיא תנועות אן דיא הנויות האט ער זיך גימערקט אז זייא פרייען
זיך, וויל זייא האבין אין איין שטיק גישפרונגען וויא דיא ווילדע

קעלבער, וויא פיל מאהל האט אלטער לעב שוין אויף זיך גינומען זיך גישט צוא שרעקען אונ תמיד צוא גאט דעם בטחון צו האבען אין דער רגע אבער האט ער זיך פארט אזוי שטארק דער שראקען אז עס איז איהם שיר אב גינומען גיווארין הענד פים אונ דאס לשון דאס דער שרעקעניש האט איהם דעם קאפ אונ זין אונ וויטץ אוועק גינומען.

פון דעסט וועגין האט ער זיך דער מאנט אן זיינע איינענע ווערטער אונ דער שכל האט איהם גישווינד דאס דער שרעקעניש אויס דעם קאפ ארויס גישלאגען ער איז ווידער אמענטש גיווארין ער לויפט גאנץ אין דער שטיל צוא זיך אהיים ער טוט זיך אן זיינע כלי זיין וואפן ווארום וויא ער האט זייא פאר מורא אוועק גיווארפין האט ער זייא ווידער צום נויף גיקבליבען ער גייט מיט קוראש וויא אריצער אין דער מלחמה ווידער שטילערהייט צוא ריק אויף דעם בארג ארויף נעמט זיך גאט צוא הילף אונ זעהט צוא דאס גרייטע, פינצטער איז איהם פאר זיינע אויגין גיווארין אז ער האט דער זעהען אז דיא דרייסיג ווילדע מענטשען שלעפען מיט גרויס שמחה צווייא גיבונדענע מענטשען צום פייער איינים האט אווילדער דעם קאפ גישניטען דער אנדערער האט איהם דעם בויך פון נאפעל ביז צוא דער ברוסט אויף גישפאלטען דער דריטער האט איהם אויף אשפיז אויף גישטעקט אונ גילייגט בראטען אלטער לעבען איז דיא נאל צוא שפרונגען פאר צער איבער דעם אום דער בארימקייט ער האט שוין גיוואלט פאלען חלשות דער זעהט ער וויא דער אנדערער גיפאנגענער בינד זיך איינציג וויים אויף אונ אנטלויפט.

פאר גרויס השק אמענטשין מציל צוא זיין פון אזא ביטערען טויט לויפט אלטער לעב גישווינד אראב פון בארג מיט איין שמחה ער האט צוא גאט גיהאפט אז דורך זיינע הענד וועט יענער ניצול ווערין, צווייא פון דיא ווילדע האבען דעם גיפאנגענעם זייער שטארק נאך גיאגט וויל ער איז אבער אגרויסער שווימער גיוועזין איז ער אין ים אריין אונ האט אזוא גישווינד גישוואומען אז מיהאט

איהם קוים גיקענט מיט דעם אויג דער זעהען דיא אַנדערע צווייא ווילדע זיינען נישט אַזעלכע בריות גיוועזען ווארום עס איז אַרויסער קענטין צוא שווימען קענען איבער דעם שטרוים וואסער בפרט אין אַזאַ ים דער אום גליקליכער גיפאַנגענער איז שוין אויף דער זייט יבשה אַריבער גיקומען , אונ דער זעהט אלטער לעבען עפעס אמשלחת ער האט נאך אַזאַ צרה זינד ער לעבט נישט גיזעהען אַמענטש מיט אפנים הענד אונ פים אונ איבער גיצויגען מיט רויער פעל דער ווילדער מענטש האט זיך תהלת פאר איהם אויך זייער דער שראקען אלטער לעב האט איהם מיט וואונקען אונ צייכענס צוא פאר שטיין גיגעבען אַז ער וויל זיך פאר איהם אָן נעמען האט ער צוא אלטער לעבען צוא טרויען גיהאט אונ איז אָן איהם וויא אָן גיקלעבט גיווארין .

ביז זייא האבין זיך דא דער קענט זייגען דער וייל יענע צווייא ווילדע אוים דעם ים אַרוים גיקומען איינער איז שמיליג צוא דעם גיפאַנגענעם צוא גיגאַנגען אלטער לעבען פוילט זיך נישט אונ שטעכט איהם מיט זיין שטומפּקע שפּיצעכדיגע שפּיז דורך אונ דורך אַז ער איז תיכף טויט גיבליבען ליגען אונטער זיינע הענד דער אַנדערער וואס איז נאך פון ווייטינס גיוועזין האט דאס דער זעהען צילט ער אַפייל אונ טרעפט אלטער לעבען גלייך אין הארץ אריין נוא אמערכה ווייל יענער איז מיד גיוועזען פון שווימען האט ער נישט גיקענט אַזוא שטארק שיסען אונ דיא לעדער וואס אלטער לעב איז גיגאַנגען האט דיא פייל אַזוא גישווינד נישט דורך גילאזט דאס איז נאך דאס גרעסטע גליק גיוועזען ווארום אַיי דער ווילדער האט נאך אַמאהל גישאסען האט אלטער לעב זיך מקדים גיוועזען אונ איז דעם ווילדען אונטער גילאפען ער האט זיך מיט דעם ווילדען מיט דיא הענד גאר אָן גיוועזען ניבראגיט ער האט איהם צוא טרעטען אונ אין זאמד באגראבען .



דָער גִיפַאנְגָענֶער אִיז נָאךְ גִישְׁטַאנֶען אוּנ הָאט נָאךְ אַלְם נִיט גִיוואוּסְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט אִיהם אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶרְשְׁט וִויא אלטער לעב הָאט אִיהם דוּרךְ צֵייכֶען גִיוִויזֶען אַז נָאר פוּן זַיינְט וֶועגֶען הָאט עֶר דִיא גְבוּרָה בַּאוִויזֶען אוּנ אִיהם פוּן טוֹיט מַצִיל

גִיוָועזֶען הָאט עֶרְשְׁט זִיךְ דֶער וַואגֶען צוּא אלטער לעבין צוּ צַייגֶען עֶר וַוארְפְט זִיךְ אָן דֶער עֶרְד נֶעמְט דֶעם רֶעכְטָען פוּס בַּייא אלטער לעב אוּנ שְׁטֶעלְט אִיהם אוֹיף זַיין הַאלְז אוּנ נַאקֶען עֶר שְׁרַייט אוּנ דַאנְקְט אִיהם מִיט אַיין קוֹל וָואס עֶס אִיז זִיסֶער גִיוֶועזִין וִויא צוּקֶער נָאר אָן אַיין שׁוּם לָשׁוֹן , דֶער וִוילְדֶער בַּאוַוייזְט אלטער לעבין אַזוֹי וִויא בַּייא זַייא דִיא מָאדֶע אִיז זַיין אוּנְטֶער טֶענִיקֵייט.

וִויא אִיז אָבֶּער אוֹיס בֵּיידֶע דִיא נְשָׁמָה אַרוֹיס אַז זַייא הָאבֶּען דֶער זֶעהֶען אַז דֶר גִישְׁטָארְבֶּענֶער וִוילְדֶער וָואס זַייא הָאבֶּען גִימֵיינְט זִיכֶער אַז עֶר אִיז טוֹיט הָאט זִיךְ פְּלוֹיצְלוּנְג עֶרְמִינְטֶערְט אוּנ שְׁטֵייט אוֹיף מִיט גְבוּרָה וִויא דָאס בְּלוּט אִיז פוּן אִים גִירוּנֶען הָאט עֶר גְרָאז אוֹיס גִירִיסֶען אוּנ זִיךְ דִיא וואוּנְדֶען פַאר שְׁטָאפְּט אוּנ אִיז מִיט רְצִיחָה צוּא אלטער לעבען צוּא גִילָאפֶען דֶער גִיפַאנְגֶענֶער הָאט מִיט אַזִים קוֹל וִוידֶער אלטער לעבען גִיבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל אִיהם לַייעֶן זַיין שְׁטַיינֶערְנֶע הַאק אוּנ מִיט אַיין קְלַאפּ הָאט עֶר דֶעם גִישְׁטָאכֶענֶעם דָאס קָאנְיֶעץ גִימַאכְט עֶר אִיז גִישְׁווִינְד גִילָאפֶען אוּנ הָאט בֵּיידֶע טוֹיט אִין זַאמְד אַרַיין פַאר שַׁארְט זַייעֶר כְּלֵי זַיִן הָאט עֶר אוֹיף גִיהוֹיבֶּען אוּנ הַאט עֶס אִין דֶער הַייךְ גִיטְרָאגֶען אוּנ זִיךְ מִיט דָאס גִיוֶוער פַאר אלטער לעבם פִיס וִוידֶער אַנִידֶער גִילֵייגְט אלטער לעב הָאט זִיךְ זַייעֶר גִיפְרֵייט אַז עֶר הָאט אַלֶעבֶּעדִיגֶען מֶענְטְשׁ בַּייא זִיךְ עֶר הָאט אִיהם נִישְׁט גִיהַאלְטָען פַאר אַבַּאדִינְטָען נָאר פַאר אַפְרַיינְד.

עֶר נֶעמְט דֶעם גִיפַאנְגֶענֶעם מִיט זִיךְ אוֹיף דֶעם בַּארְג אַרוֹיף אוּנ עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אִין זַיין הֵיילִיג וִוינְקֶעלֶע אַנִידֶער אוּנ זָאגְט פַאר גִיבּ מִיר גְרוֹיסֶער גָאט מַיינֶע הֶענְד זַיינֶען אַיין גֶערִיכְט פוּן מֶענְטְשֶׁען בְּלוּט אָבֶּער גִישְׁט אִיךְ בִּין דֶער גַזְלָן נִישְׁט אִיךְ הָאבּ גִיגְלוּסְט נָאךְ פְרֶעמְדֶע בְּלוּט וָוארוּם נָאךְ דַיינֶע אוּנ מֶענְטְשְׁלִיכֶע גִיזֶעץ בִּין אִיךְ אַלְץ נִישְׁט שׁוּלְדִיג וָואס אִיךְ הָאבּ דִיא מֶענְטְשֶׁען בְּלוּט פַאר גָאסֶען וַוייל הֶעט אִיךְ מִיךְ נִישְׁט מַקְדִים גִיוֶועזִין וָואלְט אִיךְ אוּם גִיקוּמֶען אוּנ דֶעם אָרֶעמֶען אוּם גְלִיקְלִיכֶען הָאט מֶען גִיוֶועזֶען אוֹיךְ אַזוֹי גִיבְּרָאטֶען וִויא יֶענֶעם , אִיךְ בֶּעט דִיךְ פַאר גִיבּ מִיר.

צווייטער טהייל

אלטער



יב) אלטער לעב פִּיה֣ט דֶעם גַאסְט אַהֵיים זַייא שְׁמוּעֶסִין שְׁטִ֣ים לָשׁוֹן זַייא שְׁטֵייֶען אוֹיף דֶער וַואך עֶר רוּפְט זַיין גַאסְט שַׁבָּת קֶענִיג, וְוירֶער פַּייָער, עֶר קָאכְט עֶר בְּרָאט, שַׁבָּת צִיטֶערְט פַּאר רוּחוֹת, שֵׁדִים, אוּנ לֵצִים, עָר הַאלְט אלטער לעבען פַאר דֶעם עֶרְשְׁטָען בֶּעסְטָען כִּישׁוּף מַאכֶער, עֶר בְּרִיהט זִיך אָפּ.

דיא בײדע לײט אלטער לעב אונ זײן נאסט זײנען אלאנגע צײט אויף דעם בארג נאך שטיל געשטאנען װײל זײ האבען געװאלט צוא זעהען װאס דיא װילדע מענטשען פרעסער װעלין דא װײטער טאן װיא ער האט דער זעהען אז זײ שפּילען אונ טאנצען שפּרינגען אונ פרײען זיך איבער דעם מענטשען געבראטינס איז איהם אין דיא גידאנקען אריין דיא בחורים װעלין אודאי באלד נאך לויפען דעם געפאנגענעם אפ צוא זוכען אפשר װעלין זײ איהם אויף זײן הויף קומען אונ איהם אלץ דינג קײלע מאכען װאס ער האט מיט זײערין שװײס דורך אלאנגער צײט צום הויף געשלעפּט אונ זײער ביטער דרויף גיהארעװעט שוין דער געשעפט אלײן האט איהם אזוי שלאף גימאכט אז ער האט זיך קוים געקענט רירין .

אין דעם דער מאנט ער זיך אן זײן ליבען נאהמען אונ שרײט, גרױסער גאט אין הימעל דוא ביסט גירעכט אונ דײן משפּט איז גירעכט איך האב מײן גאנצען בטחון נאר צוא דיר װיא דוא װעסט מיט מיר פירין אזוי װעט אם בעסטען זײן, איך פרעג נאר נישט נאך אזוי פיהל בײזע װילדע מענטשען פרעסירס װארום דוא ביסט בײא מיר אונ מיט מיר ער האט שוין קאראש גיהאט זײא צוא זאטשעפּין אונ מיט זײא מלחמה צופירען כדי ער זאל זיך אונ זײן נאסט לעבען דורך בלוט פאר גיסען מציל זײן אבער ער האט זיך מיישב געװעזין עס נאך ניט נײטיג ער װאונקט צוא זײן נאסט אונ פיהרט איהם שטילערהײט אויף אײן אונטער װעג צוא זיך אהײם .

אזוי װאס פאר אפּנים האט דער נאסט גימאכט װיא ער האט דער זעהען אלטער לעבס דירה דעם גרױסען הויף דיא לאמאס דיא פּאפּוגע אונ זײן גאנץ װירט שאפט װײל דיא װילדע מענטשין האבין קײן שטעט קײן דערפער קײן גיבײא אונ קײן שטיבער נאר זײא ליגען װיא דיא בהמות אויף דער פרײער גאס איבער דעם האט ער זיך דא זײער פאר װאונדערט .

אלטער לעב זארגט װײטער טאמער זײגען דיא װילדע מענטשין פּארט אזוא קלוג אונ זוכען דעם גיפאנגענעם בײא איהם האט ער דורך צײכין אונ שטום לשון דעם נאסט געװיזען אז ער זאל זיך נעמען

דיא שטיינערנע האק אונ אויך דער וואך ניין דער נאכט האט אים אבער פאר שטאנען אונ באוויזט איהם דורך צייכען אז ער וועט זיין לעבען שטערקען פאר אלטער לעב אונ איהם מציל זיין פון דיא ווילדע מענטשען פרעסער , פאר גרויס תענוג וואס אלטער לעב האט פון; דעם גיהאט האט ער זיך אויך אניוועד גינומען אונ זיינען ביידע דעם גאנצען ליבען טאג אויף דער שולד-וואך גישטאנען .

אין גיהאקטע וואונדען האבין זייא אלע מאל גיהערט דיא פירכטערליכע קולות פון דיא ווילדע מענטשען פרעסער באלד איז ווידער שטיל גיווארין אונ אלע מאל ווידער אזוי אגיוואלד גיוועזין דאס האט איהם אזוי באהארצט גימאכט אונ אזוי גירייצט אז ער אונ זיין גאסט האבין שוין גיוואלט ארויס לויפען אנטקעגין צו גיין אונ מיט דיא ווילדע מלחמה צוא האלטען נאר דיא מערכה איז גיוועזין אז עס איז שוין נאר שטיל גיבליבען אפליג האט נישט גירושט עס האט אפנים אז דיא ווילדע מענטשען האבען אים גיזוכט נאר ווייל זייא האבין איהם נישט גיקענט גיפינען זיינען זייא ווידער אוועק צוא זיך אהיים .

ווייל דיא גאנצע מעשה האט זיך גיטראפען אום שבת האט ער דעם גאסט אנאמען גיגעבען שבת ער האט זיך אצונד צייט גינומען דעם גאסט פון קאפ ביז פים צוא בעטראכטען גיוואקסען איז ער זייער שיין גיוועזען הויך וויא אטענעם בוים גלייך וויא אווירע אלט צוואנציג יאהר דיא הויט איז גיוועזען שווארץ ברוין אונ האט גיגלינצערט וויא אסאמעט דיא האר לאנג אונ שווארץ דיא נאז קורץ אונ ברייט , קליינע ליפען אבער קירמאזין רויט דיא ציין ווייס וויא שנייא גיזונט אונ קלאר וויא אלבאסטער,גישטאכענע אויערען אין זיינע אויערען האט גישטעקט אלערלייא פעדערען אונ וואסער שטיינדלעך וואס דיא פארבען האבען גישפילט אפשר טויזינד קאלירען סאמע חן דער גאנג איז גיוועזען מיט נאוה ער האט פון זיך גיבלאזען אזוא וויא בייא אונז דיא אויף גיקומענע וואס זיינען זוכה צוא גיין אין כוויבליגע שטריימלעך ווייטער איז ער גאנץ נאקיט גיוועזען וויא דיא מוטער האט איהם באשאפען .

פַאר רַחְמָנוּת הָאט אלטער לעב אִיהם אָן גִימָאן אִין אַפְּעל
פון אלאמא שַׁבָּת הָאט אִין דָער התחלה נָאר נִישְׁט גִיוואוּסְט וָואס
אלטער לעב טוט אִיהם וַוייל עָר אִיז פון קִינְד וַויים אויף גִיוואוינְט
גִיוָוארָען נַאקְיט אוּנ בָּארְוִויס צוּא גֵיין עָרְשְׁט דָער נָאךְ אַז נָאט
הָאט אִיהם גִיהָאלְפָּען אַז עָר הָאט פַאר שְׁטַאנֶען אַז עָס אִיז אַגְרוֹיסַע
בּוּשָׁה אוּנ אַחֲרְפָּה נַאקֶעט צוּא גֵיין וַוייל אלטער לעב הָאט אִיהם
דָאס אַלֶע מָאל מֶעהר צוּא פַאר שְׁטֵיין גִינֶעבֶּען אַז פַאר מֶענְטְשֶׁען
וָואס הָאבֶּען שֵׂכֶל אִיז זֵייעֶר מְיאוּס נַאקֶעט צוּא גֵיין אַז עָס אִיז
קֵיין דֶרֶךְ אֶרֶץ נִישְׁט הָאט עָר זִיךְ אָן דָער עֶרד גִיוָוארְפֶּען אוּנ הָאט
ווידָער גִינוּמֶען אלטער לעבס פוּס אוּנ אויף זַיין הַאלְז אוּנ נַאקֶען
אַנִידָער גִישְׁטֶעלְט כְּדֵי עָר זָאל אִיהם דָער דוּרךְ בַּאוַויזֶען אַז עָר
אִיז זַיין קְנֶעכְט לְעוֹלָם, אלטער לעב הָאט אִיהם מֶעהרֶער כָּבוֹד
אָפּ גִינֶעבֶּען וִויא אַיין מְשָׁרֵת עָר הָאט אִיהם אִין הַארֶץ לִיבֶּער
גֶעהַאט וִויא אַפְרַיינְד נָאר אוּיס קְלוּגְקַייט וַוייל עָס זַיינֶען פִיהל
מֶענְטְשֶׁען פַאר הַאנְדֶען וָואס מַאכֶען זִיךְ פַאר פְרַיינְד מִיט דָעם מַזִּיל
אוּנ זַיינֶען גְרוֹיסֶע שׂוֹנְאִים אִין הַארֶץ אִיבֶּער דָעם הָאט אלטער לעב
נָאךְ נִישְׁט אַזוֹיא גִיקֶענְט אִיהם אַלֶץ דִינְג פְרַייא גִיטְרוֹיעָן.

תָּמִיד אִיז אלטער לעב גִיוֶועזֶען שׂרָרה, אוּנ שבת זַיין בַּאדִינְטֶער
וָואס עָר הָאט בַּאפוֹילֶען הָאט שבת גִימָאן וַוייל בַּייא דִיא ווילְדֶע
הֵייסְט דָער עֶלְטְסְטֶער קַאצוּקֶע דָאס הֵייסְט דָער מֶלֶךְ הָאט עָר אלטער
לעבען אויךְ אַזוֹא גִירוּפֶען קַאצוּקֶע אוּנ וִויא בַּאלְד דָער מֶלֶךְ הָאט
אִיהם דוּרךְ וִוינְקֶען עֶפֶּעס גִישַׁאפְט אִיז עָס תֵּיכֶף בַּאשַׁאפֶען גִיוָוארֶען.

שבת הָאט גִישְׁוִוינְד גִיחַאפְּט דִיא שְׁפִּיז הָאלְט זִיא אִין דָער
הֵייךְ גִיט זִיא אלטער לעבען אוּנ דִיא שַׁארְפֶע שְׁפִּיץ לֶעהְנְט עָר
אָן זַיין בְּרוּסְט אוּנ דוּרךְ דָעם צֵייכֶען הָאט עָר בַּאוִויזֶען אַז עָר
שְׁוֶוערְט אִיהם צוּא בַּייא דָער שְׁפִּיז אַז עָר זָאל דָעם מֶלֶךְ גִיטְרַייא
זַיין צַייט עָר וֶועט לֶעבֶּען, זַיין גַאנְץ לֶעבֶּען גִיהֶער דָעם מֶלֶךְ אוּנ
בִּיז אִין זַיין טוֹיט אַרַיין מוּז עָר אִיהם גֶעטְרַייא בְּלַייבֶּען עָס מֶעג
אִיהם אֲפִילוּ דָער טוֹיט שְׁמֶעקֶען וֶועט עָר נִישְׁט לָאזֶען אלטער
לעבען זַיין מֶלֶךְ אַהָאר פַאר קְרִימֶען אוּנ נִישְׁט אַנָאגֶער, גִישְׁוָוארֶען

פון דֶער שָׁעָה אָן אִיז אלטער לעבּ אֵיין קִינִיג גִיוָוארֶען .

עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט גְרוֹיס גִיהַאלְטֶען קֶענֶען זַיין קְנֶעכְט ער אִיז אַנְדֶערֶער עָנָיו גִיוֶועזִין אוּנ הָאט שַׁבָּת גִיבֶּעטִין מִיט עֶסִין דָא בַּאוַוייזִין דִיא ווִילְדֶע מֶענְטְשֶׁן אַז עֶר הָאט שֵׂכֶל וַוייל עֶר אִיז בַּינַאנְגֶען מִיט עֶכִין אָבֶּער מִיט גְרוֹיס דרךְ ארץ דֶער מלךְ זִיצְט אוֹיף זַיין גְרוֹיס שְׁטוּל אִין הוֹיף , אוּנ שַׁבָּת בַּאוַוייזְט מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז אִיהם אוּנְטֶער טֶענִיג וַוייל עֶר הָאט זִיךְ קֶענֶען אִיבֶּער אִים גִיזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד .

זֶעהָעט אִיהר עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם אוֹיפֶען אָדֶער אוֹיף אַנְדֶערֶע אוֹפַנִים זַיינֶען מֶענְטְשֶׁען דֶער צוּא גִיקוּמֶען אַז זַייא זָאלִין זִיךְ אֵיינֶעם בּוֹחֵר זַיין אִיבֶּער זִיךְ פַאר אַמַלְכוּת צוּ מַאכִין וַוייל נָאךְ גַאנְץ פַאר צַייטֶען וֶוען עֶס זַיינֶען וַוייניג מֶענְטְשֶׁען אוֹיף דֶער וֶועלְט גִיוֶועזִין זַיינֶען פַאר הַאנְדֶען גִיוֶועזִין גִיבּוֹרִים וָואס זַיינֶען צוּא גְלַייךְ קְלוּג אוּנ קָארַאזִירְט גִיוֶוען זַייא פְלֶעגִין זִיךְ תָּמִיד אוֹיף זַייעֶר כֹּחַ שְׁטִיצִין אוּנ הָאבִין בַּייא דִיא שְׁלַאפֶערֶע מֶענְטְשֶׁען זַייעֶרֶע פַאר מֶעגֶען זַייעֶר הָאבּ אוּנ גוּט אָן דִין אוּנ אָן מִשְׁפָּט מִיט גְוַואלְד אַוֶועק גִינוּמֶען דוּרְךְ דֶעם פְלֶעגְט נָאר צוּא צוּא גֵיין וִויא אַשִׁיף אָן אַרוּדֶער דֶער פְלֶעגְט בַּייא יֶענֶע עֶפֶּעס אַוֶועק צוּא נֶעמֶען וַוייל עֶר אִיז שְׁטַארְקֶער גִיוֶועזִין פוּן אִים אוּנ הָאט אִים אוֹיס גִירִיסֶען , דִיא מֶענְטְשֶׁען הָאבִּין אִיבֶּער דֶעם תָּמִיד גִילֶעבְּט אִין פַּחַד אוּנ אִין מוֹרָא פַאר שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשֶׁען אוּנ אוֹיךְ פַאר ווִילְדֶע חַיּוֹת זַיינֶען זַייא גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם שֵׂכֶל זִיךְ בּוֹחֵר צוּא זַיין אַיינֶעם וָואס עֶר אִיז גִיזוּנְד שְׁטַארְק קְלוּג אוּנ מִיט קָארַאשׁ גִיוֶועזֶען דֶעם הָאבֶּען זַייא פַאר דֶעם עֶלְסְטֶען אִיבֶּער זִיךְ גִימַאכְט עֶר הָאט זַייא פַאר אַלֶעם בַּייזֶען גֶעשִׁיצְט אוּנ גֶעהִיט אוּנ אַז עֶס אִיז צְוִוישֶׁען זַייא דיני ודברים טענות ותביעות גִיוֶועזֶען הָאט דֶער עֶלְצְטֶער שׁוֹין גֶעמַאכְט צְווִישֶׁען זַייא אַנִיזֶעץ אוּנ הָאט צְווִישֶׁען זַייא גִיפַּאסְקֶעט , קוּרְץ דֶער עֶלְצְטֶער הָאט פַאר זַייא אַלֶע אַזוֹ גִיזָארְגְט וִויא אַפָּאטֶער פַאר זַיינֶע קִינְדֶער עֶר הָאט אִיבֶּער זַייא גִיהֶערְשְׁט אוּנ זַייא הָאבֶּען זִיךְ מִתְחַיֵּיב גִיוֶועזֶען וִויא אוּנְטֶער טֶענִיגֶע קְנֶעכְט צוּ הֶערֶען אוּנ זַיין גִיזֶעץ צוּא פָאלְגֶען .

וַוייל דֶער עֶלְסְטֶער הָאט זִיךְ אָבֶּער אַוֶועק גֶילֵייגְט זַיין גַאנְצֶע
צַייט אוּנ זַיין גַאנְץ לֶעבֶּען פוּן זַיין אוּנְטֶער טַאנֶען וֶוענֶען וַוייל עֶר
הָאט קַיין טָאג אוּנ קַיין נַאכְט נִישְׁט גֶיהַאט דָאס אִיז קַיין קְלֵיינֶע
אַרְבֶּעט נִישְׁט אַזוֹ פִיהל מֶענְטְשֶׁען רוּהִיג שְׁטִיל אוּנ עֶהרְלִיךְ צוּא
דֶער הַאלְטֶען אוּנ זַיי נָאךְ פַאר אַלֶער הַאנְד פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשֶׁען אוּנ
חַיְלְדֶע הַיּוֹת צוּא בַּאשִׁיצֶען הָאבֶּען זִיךְ דִיא מֶענְטְשֶׁען מִיט דֶעם
עֶלְסְטֶען אַזוֹ מַשְׁוֶה גֶיוֶועזִין זַייא זָאלֶען אִיהם יֶעהְרְלֶעךְ צָאלִין פוּן
שָׁאף פוּן רִינְדֶער פוּן תְּבוּאוֹת קוֹרְץ פוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט וָואס
זַייא הָאבִּין נָאר פַאר מָאנְט אַחוּק צוּא גֶעבִּין כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט
דַארְפִין אַלֵיין צוּא פַאר זָארְגֶען כְּדֵי עֶר זָאל מֶער נִישְׁט צוּא טָאן
הָאבִּין נָאר זַייא צוּא שְׁטִיצֶען אוּנ צוּא זִיכֶערֶען , שְׁפֶּעטֶערֶע צַייטִין
אִיז אוֹיס דָאס עֶלְסְטֶען אַמֶלֶךְ גֶיוָוארֶען וָואס מֶענְטְשֶׁען הָאבֶּען זִיךְ
פַאר מֶעהְרְט זַיינֶען דִיא עֶלְסְטֶע אַלְס גְרֶעסֶער גֶיוָוארֶען זַייא הָאבֶּען
גִיגְרֵייכְט צוּא גְרוֹיס גְדוּלָה אוּנ כָּבוֹד אוּנ דִיא אוּנְטֶער טַאנֶען
הָאבֶּען דֶער פוּן גְרוֹיס נַחַת גִיהַאט זַייא הָאבִּין אִים צוּא גִישְׁוָוארֶען
מִיט לַייבּ אוּנ לֶעבֶּען מִיט בְּלוּט אוּנ פַאר מֶעגֶען אִיהם בַּייא צוּא
זְשְׁטַיין זַייעֶרֶע קִינְדֶער פַאר זֶעלְנֶער גֶעבִּין אַזוֹ אִיז נָאךְ אוּנ נָאךְ
בִּיז אוֹיף דֶעם הַיינְטִיגֶען טָאג גֶעפִיהְרְט גֶיוָוארִין אוּנ דִיא וֶועלְט
וֶועט זִיךְ וַוייטֶער אַזוֹי פִיהְרִין בִּיז אֵייבִּיג , אַזוֹי אִיז זִיךְ אלטער
לֶעבּ גֶיוֶועזִין אַנַאנְצֶע זַאךְ , אַמֶלֶךְ אִיבֶּער זַיין קֶענְפֶּע זַיין הֶערְשַׁאפְט
אִיז גִינַאנְגֶען אִיבֶּער זַיינֶע נַאטְשִׁינִים לאמאס פַאפוּגֶע אוּנ אִיבֶּער
זַיין אוּנְטֶער טַאן שַׁבָּת , דֶער הֶער קֶענִיג אִין זַיין שְׁטֵיינֶערְנֶעם שְׁלָאס
מַאכְט זִיךְ זַיינֶעם בַּאדִינְטֶען פַאר אַמֶענִיסְטֶער אַזוֹא הֵייסְט דֶער
הֶעכְסְטֶער בֶּעאַמְטֶער עֶר אִיז בַּייא אִיהם גֶיוֶועזִין קַאסְטֶען אוּנ
שְׁלִיסִיל , זַיין פַאר וַואלְטִיר , זַיין יוֹעֵץ , זַיין פְרַיינְד , אוּנ זַיין קַאמֶער
דִינֶער , קוֹרְץ עֶר אִיז בַּייא אלטער לעבּ גִיוֶועזֶען כָּל וְכָל , פוּן דֶעסְט
וֶועגֶען אִיז אלטער לעבּ נָאךְ אַזוֹ קְלוּג גֶיוֶועזֶען אוּנ הָאט שבת
נִישְׁט אַלֶע זַיינֶע סוֹדוֹת אוֹיס גִיזָאגְט , עֶר הָאט זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט
גִיטְרוֹיעֶרְט אַז שַׁבָּת זָאל וִויסֶען וואוּ עֶר אִיבֶּער נֶעכְטִיגְט עֶר גִיט אִים
אִין הוֹיף אָבּ אַנִילֶעגֶער אוֹיף פְרִישׁ הַייא , אוּנ עֶר אַלֵיין הָאט

זיינע כלי זיין מיט זיך אין זיי, באזונדער חדר מיט גענומען כדי ער זאל פאר שבת גאר נישט האבען וואס איבער צוא טראכטין .

דער גרויסער מלך אלטער לעב האט זיך פון זיין גרויס כבוד אראפ גילאזט גאר אן גאוה און האט פאר דעם שלאפען לייגען זיינע לאמאם אויס גימאלקען דעם מיניסטער שבת האט ער אויך מכבד גיוועזען מיט פרישע מילך און האט איהם דעם כבוד צוא געטיילט פון היינט אן זאל דער מיניסטער פריה מארגין און שפעט אבענד דיא לאמאם מעלקין , דער מיניסטער בעדאנקט זיך זייער שיין און ניט גוט אכטונג כדי ער זאל אויך וויסען זיך וויא נוהג צוא זיין , תחלת האט דער מיניסטער גאר נישט גיוואוסט וואס דאס איז פאר אמשקה ווארום ביי דיא ווילדע מענטשען ווייסט מען אפילו נישט אז מען קען פון בהמות זייער געזונטע און גוטע מילך מעלקין דרויס סמעטענע און קעז צו מאכען און דער פון אלערלייא גוטע מאכלים צוא מאכין וויא ער האט צום ערשטין מאל גיטרונקען און עס האט איהם זייער זיס גישמעקט האט זיך באלעקט , דער קעניג באפעהלט ער זאל שלאפין גיין אויף דער שטעל האט אים שבת גיפאלגט און האט זיך אנידער גילייגט ער האט מיט זיינע אייגליך גיזעהען וויא אלטער לעב שטעלט זיך אין אווינקעלע לייענט ערינסט קריאת שמע און לייגט זיך שלאפין .

דיא גאנצע נאכט האט אלטער לעב קיין אויג נישט צו גיטאן פאר גרויס שמחה פאר גרויס תענוג וואס גאט האט איהם דא צו געשיקט אמענטש , ווען שבת איז אווילדער מענטש גיוועזין האט ער זיך פארט זייער גיפרייט און האט אזוי געזאגט .

דוא גרויסער גאט האסט שוין איבער דעם מענטשען פון יוגענד גיטרייגט, אין דער טבע אריין גיגעבין ליבשאפט פאר מענטשען קינדער זיינען לוסטיג און שפילין זיך פרייהליך, ווען זייא זיינען צווישען קינדער גרויסע מענטשען זוכען תמיד געזעלענשאפט און זיינען גליקליכער און לעבעדיגער אז זייא זיינען צווישען מענטשען אזוי האסט דוא מיך אלאנגע צייט גישטראפט און איך האב גימוזט אלין דינג ליידין. מיין גרעסטע צרה איז גיוועזין וואס איך האב קיין

מֶענְטְשׁ פַאר מִיר נִישְׁט גִיזֶעהָען אִיצוּנְד אַז דוּא הָאסְט מִיר יוֹא צוּא גִישִׁיקְט אַמֶענְטְשׁ נוּא זָאל אִיךְ נִישְׁט אוֹיף דָעם פָּנִים לִיגָען טָאג אוּנ נַאכְט אוּנ דִיר דָער פַאר צוּא דַאנְקֶען וָואס גֵייט דָאס מִיר אָן וָואס עָר אִיז אַווִילְדֶער גִינוּג עָר אִיז אַמֶענְטְשׁ גָאטְס בַּאשָׁעפֶענִישׁ אַזוֹא וִויא דוּא הָאסְט מִיר אָן גִיזָאגְט אַז אִיךְ מוּז אַלֶע מֶענְטְשֶׁען אַזוֹא לִיבּ הָאבִּין וִויא מִיךְ אַלֵיין דָאס מוּז אִיךְ מְקַיֵים זַיין (לעת עתה) וַוייסְט עָר נָאךְ נִישְׁט אַז דוּא בִּיסְט נָאר דָער אֵיינְצִיגֶער גָאט אוּנ אִיךְ נֶעם אוֹיף מִיר אַז אִיךְ וֶועל אִיהם פְרִיעֶר אוֹים לֶערְנֶען רֵיידִין דֶער נָאךְ וֶועל אִיךְ אִים בַּאוַויזֶען דַיינֶע הֵיילִיגֶע מַעֲשִׂים אוּם לֶערְנֶען דִיךְ קֶענֶען אוּנ פוּן אוּנְזֶער דַת (רֶעלִיגְיָאן) אִיהם צוּ פַאר שְׁטֵיין גֶעבִּין׃

וַוייטֶער בִּין אִיךְ נִישְׁט מְחוּיָב אִיךְ מוּז דַיין גִיבָּאט פָאלְגִין דָאס מַיין הַארְץ הֵייסְט מִיךְ טָאן וַוייל דוּ הָאסְט נָאךְ אֵיידֶער אִיךְ בִּין גִיבָּארֶען גִיוָוארֶען דִיא טְרָאפִּין פוּן לִיבְּשַׁאפְט קֶענֶען אַלֶע מֶענְטְשֶׁען אִין מַיין טֶבַע אַרַיין גִינָאסֶען הַיינְט אַז דוּא הָאסְט מִיר יוֹא דִיא זְכִיָה גִינֶעבֶּען אַמֶענְטְשׁ פַאר מִיר צוּא זֶעהֶען הָאבּ אִיךְ אִיהם אַזוֹ לִיבּ וִויא מִיךְ אַלֵיין ׃

---

עָר שְׁטֵייט אוֹיף וַאשְׁט זִיךְ וִויא תָמִיד אוּנ שְׁטֶעלְט זִיךְ אִין זַיין וִוינְקֶעלֶע דַאוְונֶען מִיט בֵּיידֶע אוֹיף גִיהוֹיבֶּענֶע הֶענְד צוּא גָאט שבּת שְׁטֵייט אוֹיף אוּנ זֶעהֶט דָאס צוּ, וִויא אלטער לעב קוּקְט אִין הִימֶעל אַרַיין אוּנ מַאכְט מִיט דָעם מוֹיל דֶער ווִילְדֶער מֶענְטְשׁ הָאט דָאס גָאר נִישְׁט גִיקֶענְט תופס זַיין וָואס דָאס בַּאטַייט, נָאר בְּלָאס אוֹים מוֹרָא פַאר זַיין קֵינִיג הָאט עָר גֶעשְׁווִיגִין, אוּנ הָאט אִים נִישְׁט אֲפִילוּ דוּרְךְ צֵייכֶען גִיפְרֶעגְט וָואס עָר טוּט עָר ווִינְקְט צוּא שבּת אוּנ בֵּיידֶע גֵייעֶן וִוידֶער אוֹיף דִיא עֶרְטֶער וואו דִיא ווִילְדֶע הָאבֶּען גֶעבְּרָטִין דִיא שֵׁיינֶע סְעוּדָה גֶעהַאלְטֶען צוּא זֶעהֶען אוֹיבּ עֶס אִיז נָאךְ אֵיימִיצֶער דָא, אוּנְטֶער וֶועגִינְס אִיז אלטער לעבען זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעוָוארֶען, עָר הָאט מִיט דֶער גְרִינֶער נַאל גִיבְּרָאכִין פַאר דִי שְׁטִיקֶער מֶענְטְשֶׁען פְלֵייש וָואס זֵייא הָאבִּין זִיךְ אַרוּם גִיוַואלְגִירְט אִין זַאמְד, שבּת הָאט זֵייעֶר הֵשֶׁק גִיהַאט אַשְׁטִיק אוֹיף צוּא הֵייבִּין אוּנ צוּא

פרעכין נאר ער האט זיך געשטויסען אן אלטער רעבם פעם, אז מען טאהר דאס נישט עסין.

זייא גייען ווייטער, דער זעהעט אלטער לעב אז שבת האט זיך ווידער השק באקומען דיא צווייא הרוגים אויף צוא שארין אונ זייא צוא בראטין אונ עסין, ומיט גרוים כעס איז אלטער לעב צוא איהם צוא גילאפען מיט דער בלאנקער שפיז אין דער הייך, אונ גיט איהם דורך צייכען אויף שטום לשון צוא פאר שטיין, אז אזו באלד ער וועט זיך נאר דער וועגין עפעס אן צוא רירען מאכט ער איהם דעם טויט, שבת קוקט איהם אלין אן, וויא איינער רעט וואס האב איך דא גיזינדיגט, פאר וואס פאר גינסט דוא מיר נישט אשטיקעל פלייש צוא עסין, אז נאר פאר מענטשען פלייש האט ער איהם פאר ווערט. דאס האט שבת גאר נישט גיקענט פאר שטיין פון דעסט וועגען האט: שבת אלטער לעבען אויף דען וואונק גיפאלגט ער האט שוין מער קיין אוואייע נישט געמאכט אויב עם גילוסט זיך איהם נאך עפעס צוא עסען נאר געטראכט האט ער בייא זיך אזוי מיין קיניג מוז נישט קלוג זיין פאר וואס דען וויל ער נישט עסען דאס גיבראטענע מענטשען פלייש נאר אזויא וויא אניטרייער משרת שיינקט טויזינד מאהל זיין גאנץ בלוט אונ לעבען פאר זיין הערען אזוא האט שבת שטיל שווייגענדיג זיין אן בייסען אויך געלאזט שטיין כדי אלטער לעב זאל זיך נישט דארפען צוא בייזערען.

מען האט שבת אפילו גאר נישט פאר איבעל צוא האבען וואס ער האט יוא גיוואלט אזא זיס אן בייסען ארייין חאפען ווארום ער איז פון יוגינד אויף אזוי גיוואוינט גיווארען, דער נאך אז שבת האט שוין פאר שטאנען וואס דאס הייסט מענטשען פלייש עסין האט ער זיך ערשט אויף דיא גלייכע וועגד געריסען פאר גרויסע צרות אז מען מאכט זיך דיא גרעסטע עולה צוא גיוואוינהייט מאכט דאס ערגסטע שלעכטע שיין אונ חענעוודיג, איבער דעם קעהר דער מענטש זיך קיין מאהל נישט צוא גיוויינען עפעס צוא טאן וואס עס איז מיאוס אדער איין עבירה.

וויא אלטער לעב האט געזעהען אז שבת האט דיא הרוגים שוין זייער רעכט געטאן לויפט ער געשווינד צום פייער אונ זוכט אפונק ער האט זיך געטראכט נאך אזא גרויס פייער וויא איז נישט איין פונק איבער געבליבען ער האט זיך שוין פריער געפרייט אז ער וועט הידער האבען פייער, אזי וויא זייער אונ ביטער איז אונזער קינינ געווארען אז ער האט לאנג געזוכט אין אש אונ האט גאר נישט געפונען שבת שטויסט זיך פון הייטינס וואס אלטער לעב זוכט אונ יאגט זיך געשווינד וויא דער פייל פון בויגען אין וויסטען וואלד אריין אלטער לעב דער זעהט דאס שטארקע לויפען שרייט ער געוואלד וואס האב איך דא געטאן פאר וואס האב איך מיך איבער איין שלאנג דערבארימט ער איז אווילדער מענטש ער האט קיין שכל נישט צו וויסען וואס איך האב מיט איהם געטאן וויא אזוויא איך האב איהם מציל געוועזען פון טויט,

נישט אנדערש ער איז הונגעריג אונ איך האב איהם נים געלאזט קיין מענטשין פלייש פרעסען איז ער פאר בייזקייט אנטלאפין. אונ האט מיך פאר לאזט ער וועט מיך אודאי פאר ראטען ער וועט צוריק ברייננען דיא ווילדע מענטשען מיך בינדען שלעפען ברענגען אונ בראטען אונ וויא דיא חיות רעות מיך צוא רייסען יוא פאר איין מתנה וועט ער מיך זיינע לייט שיינקען אויף איין אן בייסען וואס טוט מען וואס הייבט מען אן, וויא ער שרייט אזוי קומט דער ווייל שבת זייער געשווינד וויא דער ווינד ווידער צוא לויפען אונ טראגט עפעס אין דיא הענד וואס עס רייכערט זיך ער לייגט געשווינד דיא האלץ דרויף אונ עס האט גיהוזעט וויא אהעלעש פייער עס האט אזוי טשאקעדיג געברענט אז עס זייגען אלטער לעבען דיא אויגען איבער געגאנגען פאר גרויס שמחה.

אזוי איז דער מענטש פארט איהם נאר וואס עס איז איבער מיינט ער שוין אז דיא גאנצע וועלט גייט אונטער ער האט גימיינט וויא ביי אונז ווייל עס זייגען טויזינד מענטשען פאר האנדען מאסירען אונ פאר ראטען, צאלען שלעכטס פאר גוטץ פאר ברויט גיבען זייא צוריק אב שטיינער, דווקא נור דעם וואס ער האט פון

אים טובות מקבל גיוועזען, ביין אווילדער מענטש אז ער איז נאר נישט שלעכט בטבע דאנקט אויף דעם וואס ער האט פון איהם אטובה גינאסען אלטער לעב איז גאר צו גאנגען פאר תענוג ווייל ער האט זיך טועה גיוועזען און האט ערשט איין גיזעהען אז אפילו איינער פון דער אינדיע וואס איז נאר וויא אבהמה אן שכל אן חכמה האט איהם שוין אויך גאט אין דער טבע אריין גינאסען דעם באלסעם פון מענטשען ליבשאפט און איין הארץ גיגעבען וואס דאנקט מיט גוטען פאר גוטס.

ער האט זיך משער גיוועזען אז דאס וואס אמענטש איז אום דאנקבאר קומט נאר ווייל ער ווערט פון יוגענד אויף אזוא גיוואוינט ווייל ער לערינט זיך אפ פון זיינע עלטערען ער פאלט שבת ארום און קושט און האלזט איהם און פרייט זיך זייער איבער דעם פייער וואס האט אזו לעבעדיג גיפלאקערט. ווער עס האט נאמנות גיט יענעם אויך. נאמנות" איז זייער אוואורער שפריך ווערטיל איצונד זעה איך האב גיקענט מסופק זיין אן שבת אויב ער איז מיר אום גיטרייא בין איך נאך נישט גאנץ גוט אום פרום גיווארען בין איך נאך ניט גיקומען אויף דער מדריגה קיינעם נישט אויף שלעכטען חושד צוא זיין נאר פון דעסט וועגין בין איך אויך נישט שולדיג ווייל עס זיינען אין גאנץ איירפא פאר האנדען אטייהל מענטשען וואס קלוג גוט גילעהרינט און מען טאהר זייא גישט גיטרויען וואס אשילינגער ווערט איז, נוא וואס האב איך מיהר גיקענט פארשטעלען פון איין ווילדען מענטש.

דיא ראיה מעג זיך איטליכער נעמען ווארום דער כלל איז אזוי אז איינגער מאן קומט מיט עטליכע גילדען אויף דער וועלט ארוים זיינען שוין פאר האנדען אלערלייא מענשען וואס מאכען זיך צו אים צו, איינער מאכט זיך אירא שמים פענימעל און מאכט זיך פאר איין גוטען יועץ און עס שטעקט טויזינט רוחות בייא איהם אין הארץ, דער אנדערער איז אפיינער יונג און וויל איהם ווייזען שטעג און וועג און פאר פירט אים אין דער גרונד העל אריין דער דריטער קען און ווייסט אלץ דינג זייער גוט בעסער וויא איטליכער

צום סוף פירט מען דעם יונגען מענטש נאר אויף אנגליטש ארויף מען מאכט אויס איהם חוזק לאזען אים שאן אזוי ווייט אן גיזייפט, לאכען נאך איהם אויס אונ נאך טויזענט אנדערע פעלער טרעפען זיך אין דער וועלט.

בכן איז אזוי דעם מענטש וואס מען איז זיך בוחר איהם צוא פאלגען מוז מען אין איהם גוט פריער אביין קוקען מען מוז איהם פריער גוט קענען אונ וויסען וויא אזוי אונ אויף וועלכען שטייגער ער האט ביז אהער גילעבט אונ גיהאנדילט, האט ער תמיד פרעמדע מענשען גוטס גיטאן קיינעם נישט באליידיגט תמיד זיין וועגס גינאנגען ערליך גיוועזען קענגען מענשען ווייל דאס איז דער עיקר דעם מעג מען אן הייבען צוא גיטרויען אונ איינציג ווייס יענעם נאמנות צוא געבען ביז מען ווערט אלע מאל מער פון זיין גיטרייא שאפט איבער גיוויזען מעג מען זיך שוין אין גאנצען אויף יענעם פאר לאזען אונ דאס פאר מענען מיט דעם לעבען מעגען יענעם פאר טרויען ער מעג זיין ווער ער וויל מעג מען איהם אלץ דינג גיטרויען, איז ער אבער איין עזות פנים מישט זיך אומעטום אונ האט ליב נאר זיין דעה זאל תמיד בלייבען וואו ער נעמט ניט ער נישט אב, באצייכט ארומע ווייבער באטריגט ארעמע יתומים אונ אלמנות דער מעג זיין אלאמדען איין עושר אפיינע בריה אנטלויף ווייך אים וויא איין בייזען עיפוש דעם זאלסט דוא נישט גיטרויען ער מעג אויך זיין ווער ער וויל.

זייא לויפען צוזאמען מיט איין שמחה ווידער צוא זיך אהיים אונ אלטער לעב ווייל ער האט שוין זייער לאנג נישט קיין גיקעכטס גינעסען האט ער ניחאפט וויא פאר דיא בהלות ער האט אן גילייגט אפייער אונ שטעלט זיך צוא איזך (אזופ) מיט קארטופלעס דרויף גיווארפען אשטיק גיבראטינס אפאהר קאקעריזעס נעמט ער אונ צוא מאכט אין שטייגער אויף מעל אונ איבער נעמט עס מיט זאלץ אונ מאכט זיך איין מיטאג פאר איילינש האט ער גישווינד אפאר מאל דיא זופ אויס גישוטט אונ איז גילאפען האלץ אריין נעמען אויף דעם הויף כדי עס זאל זיך גישווינד קאכען אונ בראטען ווייל ער

הָאט זיך אָבֶער גִידַארְפְט פַאר זַאמֶע הָאט עֶר גִיוואוּנְקֶען שבר זָאל דָא דֶער וַייל צוּם גִיקֶעכְטְס אַכְטוּנְג גֶעבֶּען .

שבת הָאט זִינְט עֶר לֶעבְּט פַאר זִיךְ נִישְׁט גִיזֶעהֶען גִיקֶעכְטְס עֶסֶען אוּנ הָאט דָא צוּ גִיזֶעהֶען וִויא דָאס וַואסֶער בַּיים פַייעֶר זִיד קָאכְט בְּלָאזְט שׁוֹימְט אוּנ אִיבֶּער לוֹיפְט וְוִיא אַשְׁטֵיין אִיז עֶר דָא גִישְׁטַאנֶען אוּנ הָאט אַלְס נִיט גִיקֶענְט פַאר שְׁטֵיין וָואס דָאס זָאל בַּטַייטֶען פְּלוּצְלוּנְג אִיז אִיהם אִין קָאפּ אַרַיין גִיקוּמֶען שֵׁדִים לֵצִים אוּנ רוּחוֹת נִישְׁט אַנְדֶערְשׁ דָא מוּז אִין טָאפּ אַלֶעבֶּעדִיגֶער שֵׁד אוֹדֶער אַלֵץ זִיצֶען אוּנ גִיסְט דָאס וַואסֶער אִיבֶּער, עֶס אִיז אִיהם פַאר מוֹרָא שִׁיר צוּא גִיקוּמֶען , וִויא דִיא טֶעפּ הָאבֶּען אָן גִיהוֹיבֶּען גַאנְץ שְׁטַארְק צוּא זִידֶען אוּנ אוֹיס צוּ לוֹיפֶען , גַייט זִיךְ שבת אוּנ וַויל דֶער גָאר מִיט דִיא הֶענְד דָאס זוּדִיגְדִיגֶע וַואסֶער וָואס אִיז אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען פַאר הַאלְטֶען אוּנ הָאט זִיךְ אַזוֹי אָב גִיבְּרִיט אַז דִיא הוֹיט אִיז אִים אָפּ גִיקְרָאכֶען אוּנ בְּלָאזֶען זַיינֶען אִיהם אוֹיף גִילָאפֶען שבת הָאט אָן גִיהוֹיבֶּען מִיט זַיין גִיזוּנְד קוֹל צוּא שְׁרַייעֶן אַז עֶס אִיז גִיגַאנְגֶען עַד לֵב הַשָּׁמַיִם .

פַאר דֶער שְׁרֶעקֶענֶעשׁ אִיז אלטער לעב וִוידֶער אִין הוֹיף גָאר עַנְטְשְׁטַאנֶען גִיבְּלִיבֶּען פַאר זַיין יָעמִירְלֶעךְ גִישְׁרַייא עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גִיטְרַאכְט דִיא ווִילְדֶע מְחוּתָּנִים הָאבֶּען זִיךְ גִימוּזְט צוּא מִיר הִינְטֶען אַרִימֶער דֶער בִּיוָועֶן זַייא הָאבֶּען אִים גִימוּזְט חַאפֶּען אַוֶועק שְׁלֶעפֶּען גִיבּוּנְדֶען נִיהַרְגֶּת גִיבְּרָאטֶען אוּנ גִיפְרֶעסֶען, אִין דֶעם נֶעמְלִיכֶען אוֹיגֶען בְּלִיק הָאט עֶר זִיךְ וִוידֶער צוּא רִיק אִיבֶּער גִילֵייגְט אֶפְשָׁר אִיז מֶעגְלֶעךְ אַז אִיךְ זָאל אִיהם וִוידֶער מַצִּיל זַיין אוֹיס זֵייעֶרֶע טְרַייפֶענֶע הֶענְד אִיךְ זָאל דָא תֵּיכֶף מַיין לֶעבֶּען פַאר לִיהְרֶען וָועל אִיךְ מִיךְ פַאר אִיהם אָן נֶעמֶען , אַז פְרַיינְד זָאלֶען זִיךְ נִישְׁט אֵיינֶער פַאר דֶעם אַנְדֶערְן אָן נֶעמֶען אִיז דָאךְ דִיא וָועלְט שׁוֹין גָאר קֵיין וֶועלְט נִישְׁט וִויא קֶען מִיר מַיין הַארְץ פַאר טְרָאגֶען אִיהם צוּ לָאזֶען אוּם בְּרֵיינְגֶען אוּנ אִיךְ זָאל מִיךְ דָא אוּנְטֶערֶען אוֹיבֶּען פַאר שְׁטֶעקֶען .

אוֹי וַוייא אִיבֶּער דִיא מֶענְטְשֶׁען וָואס לָאזֶען יֶענֶעם גִישֶׁען שְׁלֶעכְטְס אוּנ מַאכֶען זִיךְ גָאר נִישְׁט וִויסֶענְדִיג יֶענֶער בְּרֶענְט אוּנ עֶס

ראטעוועט איהם קיינער נישט יענער טרינקט זיך און קיינער דערלאנגט איהם נישט דיא האנט יענער ווערט פון אכזרים גישלאגען קורץ. איטליכער היט זיך נאר זיינע ביינער פאר יענעם וויל זיך קיינער ניט אן נעמען און דער גרעסטער דער ערליכסטער מאן גייט אום שולדיג צוא גרונד, ביין איך וויל מיך נישט אזו גיוויינען גילויבט ביסטו גאט אז איך בין צו דער מדריגה גיקומען און וויים אז גאט האט אונז מענטשען נאר פון דעסט וועגען אויף דער וועלט באשאפען כדי מיר זאלען זיך ליב האבען ברידערלעך צו לעבען ער האפט גישווינד זיין שפיז און לופט נאך דעם גלאשנע קול וויא איז ער אבער שטיין גיבליבען גאר פאר הילצערט אז ער האט גיזעהען אז עס איז גאר נישט נאר שבת האט איהם געוויזען אז ער האט זיך אב געברית.

דיא מורא דאס ציטערען וואס שבת האט גיפלאטערט און געציטערט איז אבער נישט גיוועזען פאר גרוים ווייטעג פון אב בריען נאר וואס ער האט זיך איין גירעט אז ער איז פון לצים שדים און רוחות געביסען גיווארען אלטער לעב האט אוים אים זייער גילאבט און ווידער תיכף אויף גיהערט צו לאבען און זאגט איך זינדיגער מענטש וואס האב איך אוים יענעם צו לאכען וויא לאנג איז עס ערשט איך אליין האב אן אלע פורעניות גיגלייבט ערשט דא זינט גאט האט מיר איין עת רצון באוויזין איך זאל מיט מיין שכל קענין צו פאר שטיין געבין אז עס איז גאר נישט פאר האנדען חוץ גאט און איבער דעם וואס האט מען מורה צוא האבען וויא נאר פאר איהם אליין.

און אז איך וועל זוכה זיין אמאהל צוא קומען צווישען מענטשען וועל איך זייא דעם כלל זאגען ווער עס גלייבט נאר אן גאט אליין דער איז גליקליך דעם העלפט ער און ווער עס גלייבט אן אטייבעל און אן מענטשען וואס באשווערט טויטע און שאפין מיט לצים רוחות און שדים דער קען גאר נישט באמת גאט אליין גלייבען ווייל עס איז אויף אים איין אימה פערזיכערט ער זיך נאר אין מענטשען אז זייא זאלין איהם העלפין זיין האפענונג איז נאר צוא

מֶענְטְשֶׁען אַז דוּרְךְ אָפּ שְׁרַייבִּין בַּאשְׁוָוערִין דוּרְךְ חֲרָמִים אוּנ כִּישׁוּף קָארְטִין וַוארְפִין אוּנ אָבּ שְׁפְּרֶעכֶען גִיהָאלְפֶען צוּא וָוערִין קוּרֶץ עֶס קֶען קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ נִישְׁט אַנְדֶערְשׁ רוּהִיג אוּנ גִיהָאלְפֶען זַיין בִּיז עֶר גְלַייבְּט נָאר אָן זַיין לִיבֶּען נָאמֶען אַלֵיין ׃

וַוייל שַׁבָּת הָאט אָבֶּער אָן אַלֶע צָרוֹת אוּנ אָבּ גֶעטֶער גִיגְלַייבְּט הָאט עֶר בַּייא זִיךְ אָפּ גִיקְלֶערְט נִישְׁט אַנְדֶערְשְׁט נָאר אַז אלטער לעב זַיין קֶענִיג אִיז אַכִּישׁוּף מַאכֶער אוּנ פוּן הַיינְט אָן הָאט עֶר מִיט מֶער מוֹרָא פַאר אלטער לעבען גִיצִיטֶערְט בִּפְרַט עֶר הָאט צוּא גִיזֶעהֶען אַז אלטער לעב הָאט זִיךְ אַנִידֶער גִיזֶעצְט אוּנ הָאט גִיגֶעסֶען דָאס וָואס עֶס הָאט פְרִיעֶר גִיזָאטִין אלטער לעב הָאט גִיהַאלֶעשְׁט פַאר אִיהם אַז עֶר זָאל מִיט עֶסִין אוּנ שבת הָאט בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט גִיוָואלְט זִיךְ לָאזֶען אַיין רֵיידֶען שבת הָאט נָאךְ גִיזֶעהֶען אַז אלטער לעב הָאט אַוַּויים פָּנִים הָאט עֶר פַאר אִיהם נָאךְ מֶער גִיצִיטֶערְט וָוארוּם דִיא שְׁוַוארְצֶע מַאכְט מֶען קִינְדְוַויים אֵמוֹרָא פַאר וַוייסֶע מֶענְטְשֶׁען אַזוֹא וְויא בַּייא אוּנְז וַוייסֶע מַאכְט מֶען אַמוֹרָא פַאר אַשְׁוַוארְצֶען מֶענְטְשׁ אלטער לעב טְרִינְקְט דִיא זוּפּ וַוייל עֶר הָאט קַיין לֶעפִיל נִישְׁט גִיהַאט אוּנ שבת הָאט זִיךְ גִילָאזְט אַיין בֶּעטִין צוּא עֶסֶען קַאלְטֶע קַארְטוֹפְלִים אלטער לעב לֵייֶענְט קְרִיאַת שְׁמַע אוּנ בֵּיידֶע לֵייגֶען זִיךְ שְׁלָאפֶען , אַגוּטֶע נַאכְט אַלֶע אֶמֶתָא גוּטֶע פְרוּמֶע מֶענְטְשִׁין ׃

יג) אלטער לעב בֵּיינְקְט אַהֵיים , עֶר זִינְגְט , עֶר מַאכְט מִיט שבת גְרֶעסֶער דִיא פֶעסְטוּנְג , שבת בֵּיינְקְט אוֹיךְ אַהֵיים , שבת קֶען שׁוֹין רֵיידִין , שבת בְּלַייבְּט אִיהם גִיטְרַייא , וְוידֶער אַיין פְּלַאטְץ רֶעגִין אוּנ אלטער לעב לֶערִינְט שבת אֱמוּנָה אָן גָאט גְלַייבֶּען אִין כְּלָלִים פוּן יְהוּדִישֶׁען דַת (רֶעלִיגְיָן) , אַיין גַאנְץ גוּטֶע שִׁיף ׃



זַייעֶר גִישְׁמַאק אוּנ גוּט הָאט אלטער לעב דִיא נַאכְט אַוֶועק גִישְׁלָאפִין עֶר שְׁטֵייט גַאנְץ פְּרִיה אוֹיף דַאווִינְט עֶרִינְסְט אוּנ גֵייט זִיךְ אוֹיף זַיין בַּארְג גָאט דַאנְקֶען פַאר דֶעם נַייֶעם חֶסֶד וָואס עֶר הָאט אָיהם דָא בַּאווִיזִין וָואס עֶר הָאט אִיהם צוּ גִישִׁיקְט אַלֶעבֶּעדִיגֶען מֶענְטְשׁ , אִיבֶּערִין וֶוענ פַאלְט עֶר ווִידֶער אִין אַגְרוֹיסֶער מָרָה שְׁחוֹרָה אַרַיין דָאס הַארְץ ווַייטִיג הָאט אִים זַייעֶר גִינָאגְט עֶר וַוארְפְט זִיךְ אַנִידָער פַאר גָאט אוּנ וַויינְט .

ער איבער לייגט זיך ווידער געשווינד און הערט אויף צוא וויינען און האט זיך ניטרייסט גילויבט איז גאט פאר דעם ווארום עס האט זיך איהם שוין נישט מער אזוא דיקוטשעט ווייל גאט האט איהם נאך אמענטש באשערט ער האט זיך דאס בייגקען אוים דעם קאפ ארויס גישלאגען און האט אויף גיהערט צוא זארגען .

ווייל ער האט נאך ווייטער מורא גיהאט פאר ווילדע מענטשין פרעסערס זייא זאלין איהם נישט פלוצלונג איבער פאלין האט עס איהם זייער גיקרייגקט ווארום ווייל ער וועט גיצוואונגען זיין מיט זייא מלחמה צוא האלטען ענטפערט ער וועט זייא גובר זיין און זייער בלוט פאר גיסין אדער ער מיט זיין איינציגין פריינד וועלין מוזין אום קומען דיא אייגע דאגה האט ער נאך גיהאט .

פון דעסט וועניג אצונד איז אלטער לעב אומגירעכט גיוועזין ווייל ער האט זיך אומזיכטיגע זארג צום הארצין צו גילאזט איטליכער מענטש וואס לעבט נאר אין דער וועלט איז מיט דעם יושר מחויב פאר זיך צוא זארגען פאר זיך צוא טראכטין אז ער זאל זיכער זיין מיט זיין האב און גוט מיט זיין לעבין וויא אזוא ער זאל זיך דער האלטען און דער נעהרין וואלט ער אפילו גימעגט דיא מענטשען פרעסירס אויף טויט אומברייגגען ווייל זייא האבין איהם גיוואלט זיין לעבין אום ברייגגען נאר דער מענטש איז שוין אזו , ענטפער ער איז צוא פיל רחמן דארט וואו מען דארף נישט, אדער צוא פיל גזלן דארט וואו מען טאר נישט , דער קלוגער מענטש אבער גייט תמיד דעם זיכערען וועג ער ביינגט זיך נישט אוועק אויף דער לינקער און נישט אויף דער רעכטער זייט און וואס ער טוט , טוט ער תמיד מיט שכל מיט איבער לייגונג איבער דעם פאר פעהלט ער קיין מאל נישט דעם רעכטין וועג .

דיא נויט האט איהם קודם שכל גילעהרינט און ער איז אויף אשפאקילאציע גיפאלען , אליין האט ער עס בשום אופן נישט גיקענט אויס פיהרען ווייל ער האט צעהען פינגער מעהר באקומען האט ער מעהר גיקענט ארבייטען ער לויפט אויף זיין בארג און מאכט זיך פארטיג דעם פלאן אז ארום זיין דירה מוז ער אגרויסין

אונ אטיפען גראבין מאכען אונ אויס דער ערד אהויבען וואל אויף ווארפען אונ מיט שפיצעבדיקע קלעטצער פאר צאמען ארום זיין דירה אפעסטונג צוא מאכען יוא ער האט גיזעהען וויא שווער דאס איז נאר ער האט דאך אבער גרויס בטחון גיהאט צוא גיזעהען אז וויל ער איז פלייסיג גיוועזען האט ער אזעלכעס אויס גיפירט וואס אמענטש קען גאר נישט גלייבען „מיט גאט אונ מיט קאראז פיהרט דער מענטש דאס טייערסטע אויס“ אזוא פלעגט אלטער לעב שוין צוא זאגין אונ צוא האלטען.

שבת שטייט אונ ווארט נאר אויף דעם וואונק כדי ער זאל קענען זיין אונטער טעהניגקייט אונ גיטרייא שאפט באווייזען אונ אלטער לעב האט איהם דורך ווערטער וואס ער האט איהם שוין איינ-ציגווייס אויס גילעהרינט גישאפט אז ער זאל מיט געהמען אלע כלים וויל זייא דארפין ביידע צוא ארבייטען, פון פרי מארגינס ביז אין דער זינקעדיגער נאכט אביין האבען ביידע גיארבייט אונ אין פיר חדשים זיינען זייא מיט דער פעסטונג פארטיג גיווארין דער גרוב איז גיוועזען ארום זיין דירה דרייא איילין טיף אונ אזוא ברייט, פאר דעם גראבין האט ער אגרויסען וואל אויף גיווארפען אונ אובין צעהען שטיק שפיציכדיקע קלעצער איינגישטעקט אונ פארצאמט.

זייא האבין זיך גאר נישט מצער גיוועזען בשעת זייא האבין גיארבייט וויל גאט האט אויף דער וויסטער קענפע אשרעקליכען ווינט גילאזט ווייען אז דיא ווילדע מענטשען האבין נישט גיקענט פון דער היים ארויס רירין.

שבת האט דער וויל ביא דער ארבייט ביסליך וויים אלע מאהל מעהר צוא גילערינט ריידין אונ האט אלטער לעבען מעהר גיטרייא שאפט באוויזין, אלטער לעב האט גיזעהען אז שבת האט זייער אגוט הארץ אמאהל אין זייער אשיינים טאג זיינען ביידע גיגאנגען שפאצירין אויף איין אנדער זייט פון זייער דירה אלטער לעב האט זיך עפעס פאר טראכט דער וויל איז שבת גיבליבען שטיין וויא פאר שטיינערט צום ים גיקוקט אונ זייער אהיים גיבייגקט

ער שפרינגט אונטער אונ שרייט מיט שמחה זיינע אויגען האבען אים גישיינט געוויזען לוסטיג לעבעדינקייט איך זעה מיין היים דארט, דארט איז מיין היים גלייך איך זעה פאר מיר מיינע עלטערין מיינע שוועסטער אונ ברידער אלטער לעב גייט נאר אוים פאר צרות ער האט אליין איין גיזעהען אז עס איז פון איהם נאר קיין מעשה רע נישט וואס ער בייגקט אהיים נור פאר מורא אפשר וועט ער אים דא ווידער אליין פאר לאזין, אן מענטשין אן פריינד ווידער צוא בלייבין דאס האט אים זייער באנק גיטאן.

אלטער לעב טראכט ביא זיך איך וועל אים דא פריוועז, אונ פרעגט אים גאנץ פריינדליך שבת לעב נאט איז ביא דיר אונ מיט דיר, וואס איז דיר אזוינס וואס איז מיט דיר דיא שמחה:

אלטער לעב, ווילסטו ווידער צוא ריק צוא דיינע ווילדע לאנד'ס-לייט צוא דיא מענטשען פרעסערס.

שבת, איי יוא איך האב גרוים חשק איך העט מיך ווידער זייער גיפרייט ביא זייא צוא זיין.

אלטער לעב, אפשר האסט דוא ווידער חשק באקומען מענטשין פלייש צוא עסען.

ניין אדרבה איך וואלט זייא גילערינט בהמות מעלקען אונ קוילען אונ זיך וויא אייערע מענטשען פון קעז פוטער מילך אונ פלייש פון בהמות אונ עופות צוא דער נעהרין.

אלטער. זייא וועלען אבער דער וויל דיך אליין אויף פרעסען.

שבת, אט גייא שוין איך וואלט זייא גיזאגט אז נאר ווילדע מענטשען טוען אזוא איך וואלט זייא אוים גילערינט מענטשליך זיין אז איינער דעם אנדערין זאל אזוא ליב האבען וויא דוא מיך.

אלטער, ווייסטו דען אז איך האב דיך ליב.

שבת, אזי וואס מיינסט דוא דען וויל איך בין אווילדער גיוועזין בין איך עס נאך, גייא שוין דוא האסט מיך מציל גיוועזען פון גזלנים פון רוצחים דוא האסט מיך ביז אהער מיט אלעם גוטען דער נעהרט דוא האסט מיך גילערינט שמועסין אלשון וואס איך

קען מיינע גידאנקען דעם אנדערען צוא פאר שטיין געבען אונ פרענגסט מיך אויב דוא האסט מיך ליב מיינסט: אז איך וועל דאס אין מיין לעבען קענען פאר געסען.

אלטער, זייער פאר שעמט אזוא שמועסט אווילדער מענטש אונ איך וואס איך בין גיבוירען גיוואָרין אין אזא ליכטיגער וועלט וואו טויזינד בתי מדרשים מיט היילינגע ספרים זיינען דיא טויזינד מלמדים וואס לערנען דיא קינדער פון קליין וויס אויף אונ איך בין אזוא פאר גרעבט גיוועזין אונ האב מיינע עלטערין גיקענט צער אן טאן אונ אן זייא פאר געסין.

שבת, זעהט וויא ער איז זייער רויט אונ פאר שעמט גיבליבען אונ ווייסט נישט וואס ער האט ביז אהער אין זיך אריין גיברומט פרעגט ער איהם אלטער לעב האסטו ניסט עפעס עגמות נפש דער פון וואס איך בינק אהיים אדער ביסט דוא עפעס מסופק אויב איך בין דיר ווייטער גיטרייא זאג מיר איך בעט דיך.

אלטער, גייא נאר איך קלער נאר אויב דוא האסט גיקענט דיר אקליין שיפעל מאכען אהיים צוא שיפען.

שבת, אוודאי יוא עס איז גאר קיין מלאכה נישט.

אלטער, גייא אדרבה מאך דיר איינעם אונ חאפ דיך אריבער.

שבת, שעמט זיך פאר וואס ביסטו אזוא בייז אויף מיר מיינסטו דען אז איך וויל חס ושלום צוא מיין היים אן דיר, דארט וויא דוא ביסט דארט בלייבט דיין קנעכט שבת אייביג, גלייב מיר אז איך וויס אפילו נאך נישט וויא דאס הייסט וואס איך פיהל אזוא ברענענדיג אין מיין הארץ, גינוג, קולען וואלט איך מיך גילאזט פאר דיר גליך וויס וואלט איך מיך גילאזט פאר דיר מיין באשיצער מיין לעבין מיין גוטער פריינד וויא הייסט דאס וואס איך פיל אצונד:

א, דאס הייסט דיא דאנק באהרקייט איך פרייא מיך זייער מיט דיר ווייל דוא ביסט מיר אזא גרויסער פריינד אונ ער וויל אים קושין.

ש, חאפט אויס דיא שטיינערנע האק ניט זיא איהם אין דער האנד אריין אונ שטעלט אונטער דעם קאפ.

צווייטער טהייל

אלטער , וָואס מֵיינְסְטוּ דֶער מִיט וָואס זָאל אִיךְ טָאן .

שבת . תֵּיכֶּף זָאלְסְטוּ דוּ מִיר דֶעם קָאפּ שְׁפַּאלְטִין מֶענְגְסְט דוּ מִיךְ אוּם בְּרֵיינְגֶען אַז דוּא הָאסְט דֶער פוּן אַנַחַת מִיר אִיז טוֹיזֶענְד מָאל לִיבֶּער פוּן דַיין הַאנְד צוּ שְׁטַארְבֶּען אֵייְדֶר דִיךְ צוּ פַאר לָאזֶען אָדֶער דוּ זָאלְסְט נָאר קֶענֶען מֵיינֶען אַז אִיךְ הָאבּ אֵיינֶעם פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה אֲפִילוּ לִיבֶּער וִויא דִיךְ .

אלטער , אִיז שִׁיעוּר צוּ גַאנְגֶען פַאר תַּעֲנוּג אַזַא פְּרַיינְד שַׁאפְט צוּא בַּאזִיצֶען עֶר דַאנְקְט נָאךְ אַמָאל גָאט פַאר זַיין גִינָאד אוּנ שְׁמוּעֶסְט וִוידֶער פוּן דֶער שִׁיף מַאכֶען אוּנ טְרֵייסְט זִיךְ שׁוֹין פְּרִיעֶר אוֹיף דֶעם וָואס עֶר מִיט זַיין פְּרַיינְד וֶועלֶען בַּאלְד דֶער לֵייזְט וֶוערֶען מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק אוּנ מִיט גְרוֹיס קָאַראז הָאבִּין זִיךְ דִיא לַייט גִינוּמֶען צוּא זֵייעֶר אַרְבֵּייט .

אלטער לעבּ אִיז אַיין גִיפַאלֶען צוּ הֶערֶען אוֹיבּ שַׁבָּת גְלֵייבְּט דֶעם אֵיינְצִיגֶען גָאט אוּנ פְרֶעגְט אִיהם זָאג מִיר נָאר מַיין קְרוֹין ווֵייסְט דוּ וֶוער עֶס הָאט דֶעם הִימֶעל עֶרְד שְׁטֶערֶען זוּן לְבָנָה וַואסֶערֶען בְּהֵמוֹת חַיוֹת עוֹפוֹת מֶענְטְשֶׁען ווִילְדֶע אוּנ גוּטֶע פְלַאנְצֶען דָאס אַלֶין דִינְג בַּאשַׁאפֶען .

שבת עֶנְטְפֶערְט אִים אוֹי נִישְׁט אֵיין גָאט הָאבִּין דִי ווִילְדֶע , צְווִישֶׁען אַלֶע גֶעטֶער אִיז דֶער עֶלְסְטֶער וָואס הֵייסְט „טַאפֶען" עֶר זִיצְט אוֹיף אַנְרוֹיסֶען בַּארְג עֶר אִיז שׁוֹין אַיין אַלְטֶער מַאן עֶר לֶעבְּט שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג אוּנ וֶוער עֶס אִיז פְרוּם זָאגְט צוּ אִים אוֹי ! אוּנְזֶערֶע כֹּהֲנִים דוּכֶענֶען צוּא אִיהם זֵייעֶר הֵיילִיג אוּנ שְׁרַייעֶן צוּא אִים אוֹי ! אוֹי ! אוּנְזֶערֶע כֹּהֲנִים גֵייעֶן צוּ אִים אוֹיף דֶעם בַּארְג אַרוֹיף שְׁמוּעֶסֶען מִיט אִים אוּנ דֶער צֵיילִין אִיהם וָואס זַייא ווִילֶען אוּנ וָואס טַיינ זַייא פוּן זַיין נָאמִינְם וֶוענֶען .

אלטער , קֶען זִיךְ קוֹים אוֹיף הַאלְטֶען דָאס הֵייסְט שְׁלֶעכְטֶע אוּנ אוּם רֵיינֶע גִידַאנְקֶען פוּן גָאט זָאגְט עֶר צוּא זִיךְ אַלֵיין אוּנ פְרֶעגְט אִים ווַייטֶער ווִיא גֵייט עֶס אַייעֶרֶע לַייט נָאךְ דֶעם טוֹיט .

שבת , יוֹא עֶס גֵייט זַייא אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט גַאנְץ וואוֹהל מֶעהר זַייא קֶוועלֶען זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען מֶעהר אֵיינֶער מַאכְט דֶעם

אַנְדֶערֶען אוּם גְלִיקְלִיךְ אֵיינֶער הָאדֶעוָועט דֶעם אַנְדֶערֶען מִיט מַאנְדְלֶען פַייגֶען אוּנ גוּטֶע מַארַאנְצֶען כְּדֵי עֶר זָאל אִיהם דֶער נָאךְ לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט בְּרֶענֶען בְּרָאטֶען אוּנ אוֹיף פְּרֶעסֶען מֶער שָׂכָר הָאבִּין זֵייא אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט ׃

אלטער, אִיז שְׁטֵיין גִיבְּלִיבֶּען גְלַייךְ וִויא אָן זִיךְ, עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹא דֶער שְׁרָאקֶען וַוייא מִיר גִישֶׁעהֶען הָאט עֶר גִישְׁרִיעֶן וִויא בַּאלְד עֶר אִיז ווִידֶער צוּא גִיקוּמֶען, הַיינְט אִיז מִיר שׁוֹין קֵיין חִידוּשׁ נִישְׁט וָואס אִיהר גְלַייבְּט נִישְׁט אָן דֶעם אֵיינְצִיגֶען גָאט ׃

שבת, בְּלַייבְּט שְׁטֵיין, אֵיינְצִיגֶען גָאט גְלַייבֶּען, וָואס זַיינֶען דָאס פַאר אַוָוערְטֶער ׃

אלטער, דָאס זַיינֶען וֶוערְטֶער וָואס דוּרְךְ זֵייא פַאר שְׁטֵייט דֶער מֶענְטְשׁ גְלוֹיבֶּען אוּנ רֶעלִיגְיָאן ׃

שבת, וִויא אַזוֹא מַיין פְרַיינְד קוּמְט מֶען צוּא דֶער מַדְרֵיגֶה דָאס צוּא לֶערְנֶען ׃

אלטער, דֶער מֶענְטְשְׁלִיכֶער שֵׂכֶל וָואס קוּמְט פוּן גָאט לֶערִינְט אַלֶץ דִינְג ׃

שבת, הָאסְט דוּא מִיר גִישֵׁיינְקְט דָאס לֶעבֶּען שֵׁיינְק מִיר דֶעם דַת אוֹיךְ ׃

אלטער לעב, דֶער עִיקָר אִיז מִיר מוּזִין בֶּאֱמֶת גְלַייבֶּען אָן דֶעם אֵיינְצִיגֶען גָאט אַז עֶר אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער דֶער רוּגִירֶער אוּנ עֶר אִיז דֶער בַּאהַלְטֶער פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אַלֶץ דִינְג וָואס עֶס אִיז פַאר הַאנְדִין אִין דֶער וֶועלְט אִיבֶּער אִיהר אוּנְטֶער אִיהר הָאט עֶר אַלֵיין בַּאשַׁאפֶען אוֹיס אַגָאר נִישְׁט בַּאשַׁאפֶען ׃

שבת, שְׁפְּרִינְגְט פַאר שִׂמְחָה וַוייא מִיר אִיךְ הֶער גָאר נַייעֶס ׃

אלטער, מִיר מוּזֶען גְלַייבֶּען אַז מִיר מֶענְטְשֶׁען זַיינֶען צוּ אַבֶּעסֶערִין אוּנ גְרֶעסֶערִין תַּכְלִית אִין דֶער וֶועלְט בַּאשַׁאפִין גִיוָוארֶען וִויא אַלֶע אַנְדֶערֶע בְּרוּאִים מִיר מוּזֶען מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אוּנְז בַּאמִיהֶען גָאט צוּא דֶער קֶענֶען דוּרְךְ זַיינֶע מַעֲשִׂים אוּנ אַז עֶר בַּאשְׁטְרָאפְט אוּנ בַּאלוֹינְט אוֹיף יֶענֶער אֵייבִּיגֶער וֶועלְט ׃

שבת, וִויא אִיךְ זֶעה לֶעהְרִינְט אַייךְ דִיא תּוֹרָה מַעֲשִׂים אַז דֶער

מענטש קאן זיין אויף דער מדריגה פון אמלאך .

אלטער, שוין ביסטו פערטיג, אין דעם עיקר שטעקט נאך צוויא צוויינגען א) מוזען מיר גלייבען אז גאט וועט אמאל אונז חסד אונ גינאד באווייזען צוא ריינינגען אונזערע נשמות פון דעם בייזען יצר הרע אונ ב) מוזען מיר גלייבען אן תחיית המתים דאס הייסט אלע ערליכע אונ גוטע מענטשען וועלען ביא דער גאולה אויף שטיין אונ אייביג לייכטין וויא שטערען אין הימעל .

שבת, וואס זאל איך ריידין וואס זאל איך זאגין גליקליכע מענטשין עס איז ניט אזוא צוא לעבען אונ אזוא צוא שטארבען .

אלטער, דאס שענסטע איז אז אין דער גאנצער וועלט איז איטליבער מודה אז אונזער תורה אונ גיזעץ זיינען גירעכט אונ וועלין בלייבען אויף אייביגע יאהרען .

שבת, מיין הארץ פריינד איז נישט מעגלעך אז דוא זאלסט מיר אלע דינג אין איין כלל צוא פאר שטיין געבען .

אלטער, יוא ווער ווייסט אויב איך וועל עס אזו כסדר קענען דיר נאך זאגין אבער גינוג עס האט אמאל אתנא גילערינט דוא זאלסט דיין חבר אזוא ליב האבען וויא דיך אליין דאס הייסט וואס דוא האסט פיינד אז יענער זאל דיר טאן, טוא דוא עס קיינעם נישט דאס איז דער כלל פון דער גאנצער תורה דאס איבעריגע איז נאר אפירוש האט דעם איינעם כלל אונ דו האלסט דיא גאנצע תורה .

שבת, וויא קומט דער כלל צוא אמונה אן גאט .

אלטער, דאס איז שוין דער שכל כביכול ווייל גאט האט געוואלט דעם מענטש באמת גליקלעך מאכען האט ער אידם גימוזט פאר אלעם שארף אן זאגען אז איינער זאל דעם אנדערען ליב האבען אז מענטשען זיינען מקיים דעם כלל פון מענטשען ליב שאפט הייסט אז ער גלייבט אין גאט ווייל גאטס ווילען איז נאר אלע מענטשען זאלען זיך ליב האבען .

שבת, זייט איהר נאר מחויב ליב צוא האבען אייער גלויבען .

אלטער, ניין מיין קינד מענטשען זיינען מיר אלע אין דער וועלט מיר מוזען אונז אלע וויא ברידער ליב האבען מיר אלע זיינען

קִינְדֶער פוּן אֵיין פָאטֶער מִיר מוּזֶען אוּנ זַיינֶען שׁוּלְדִיג אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען צוּא אוּנְטֶער שְׁטִיצִין צוּא הֶעלְפֶען רַחֲמָנות צוּ הָאבִּין אוּנ צוּא בֶּעהַאנְדְלֶען וִויא אוּנְז אַלֵיין בִּפְרַט אִין אוּנְזֶערֶע צֵייטִין וִויא מִיר אַלֶע גְלֵייבֶּען נָאר אִין אֵיין אֵייְנְצִיגֶען גָאט ׃

שַׁבָּת, הָאט דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער מִיט בֵּיידֶע אוֹיעֶרֶען צוּא גִיהֶערְט אוּנ הָאט עֶס זִיךְ זֵייעֶר עֶרִינְגְט אִיבֶּער גִיחֲזֶרְת כְּדֵי עֶר זָאל עֶס אֵייבִּיג גִידֵיינְקֶען אלטער לעב הָאט פַּאר תַּעֲנוּג אִיהם גִילֶערִינְט אוּנ שַׁבָּת הָאט מִיט נַחַת צוּא גִיהֶערְט אוּנ אִין אַקוּרְצֶער צֵייט הָאט שַׁבָּת דֶעם יְסוֹד פוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען אָן דֶעם אֵייְנְצִיגָען גָאט אוֹיס וֵוייגִיג גִיקֶענְט אוּנ הָאט זִיךְ גִיפְרֵייט וָואס עֶר וֵוייסְט עֶר דַאנְקְט אִיצוּנְד זֵייעֶר גָאט פַּאר דֶעם וָואס עֶר הָאט אַזוֹא גֶעצֵייגְט אַז עֶר זָאל פוּן דִיא וִוילְדֶע מֶענְטְשִׁין גִיפַאנְגֶען וֶוערִין עֶר זָאל דָא נִיצוֹל וֶוערֶען וַוייל עֶס אִיז אִיהם בַּאשֶׁערְט גִיוֶועזֶען אַלָשׁוֹן צוּא קֶענֶען אוּנ אֱמוּנָה אָן גָאט צוּא לֶערְנֶען וָואס מַאכְט גְלִיקְלִיךְ אוֹיף בֵּיידֶע וֶועלְטֶען עֶר הַאלְט פוּן אִיצוּנְד אָן אלטער לעבען פַּאר זַיין גְרֶעסְטִין הַארְץ פְרַיינְד טָאג אוּנ נַאכְט דַאנְקְט עֶר אִיהם ׃

אוֹיךְ אלטער לעב הָאט־זִיךְ שׁוֹין מֶעהר נִישְׁט גֶעהִיט פַּאר שַׁבָּת אוּנ עֶר הָאט גִידַאוְוינְט אוּנ קְרִיאַת שְׁמַע גִילֵייעֶנְט׃ שַׁבָּת זָאל הֶערִין עֶר הָאט שׁוֹין מִיט אִים גִישְׁלָאפִין אִין אֵיין חֶדֶר דֶר וַוייל זַיינֶען דִיא צְוֵוייא חֳדָשִׁים פוּן רֶעגֶען צֵייט אַוֶועק גִילָאפֶען אוּנ זֵייא זַיינֶען צוּם עֶרְשְׁטֶען מָאל וִוידֶער אוֹיף דִיא גַאס אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען ׃

שַׁבָּת הָאט אִיצוּנְד זַיין מַייסְטֶער שְׁטִיק בַּאוִויזֶען אוּנ הָאט דֶעם בוֹים וָואס אלטער לעב הָאט שׁוֹין מֶעהר וִויא דְרַייא יָאהר אוֹיס גִיהוֹילְט אוּנ קוֹים אַשְׁטִיקִיל פַארְטִיג גִימַאכְט אִין אַקוּרְצֶע צֵייט גָאר דַאשְׁצֶענְטֶע אוֹיס גִיהוֹילְט וִויא אַזוֹא עֶר הָאט מִיט פַייעֶר דָאס מִיטֶעלְסְטֶע אוֹיס גִיבְּרֶענְט אוּנ דִי שִׁיף אִיז צוּם מַזָל פַארְטִיג גִיוָוארִין שַׁבָּת הָאט גִימַאכְט דֶעקֶען לַיילִיכֶער אוֹיף פְלַאגֶעס אוּנ אלטער לעב הָאט זִיךְ גִיפָארִיט אוּנ גִימַאכְט דִי רוּדֶערְס בֵּיידֶע הָאבֶּען זֵייא דֶער נָאךְ אוֹיף קֵילֶעכְדִיגֶע קְלֶעצֶער אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אוּנ אַזוֹא אַרָאבּ גִיקַייקִילְט צוּם וַואסֶער דָאס שִׁיפִיל שְׁטֵייט שׁוֹין פִיקְס אוּנ פַארְטִיג.

ביים בארטען נאר אוועק צוא שיפען .

נוא וואס האבין זייא נאך מעהר בעדארפט זייא האבין זיך גיהיילט ארויף גילייגט זייער לעבענס מיטעל נאר זייא האבין נאך אליין נישט גיוואוסט וואו זיי זאלין אן הייבען צוא שיפען ווארום שבת וואלט זייער גערין צוא זיך אהיים אונ אלטער לעב וואלט זייער געבען צוא זיך אהיים אלאנגע ווייליע האבען זייא אהין אונ אהער גיקלערט דער האט אזוא אונ דער אזוא געזאגט קורץ עס איז גיבליבען וויא אלטער לעב האט גיוואלט דער וויל האבען זייא זיך נאך דער ארבייט די נאכט אויס גירוהט אונ גיליינט שלאפין הלוואי זייא זאלען ווידער בשלום אויף שטיין דער וויל איין גוטע נאכט .

יד) אלטער לעב מיט שבת שיפען זיך אוועק , זייא גיזעגענען זיך , אלטער לעב קאן פון זיין פאפוגע נישט פטור ווערען , זייא ווערען ווידער דורך גרויסע סכנות פאר ווארפען .

דער ווינד איז היינט גראד זייער שטיל אונ גוט גיוועזין אונזערע לייט האבען זיך אלץ דינג אויף .דעם שיפעל אויף גיפאקט נאר וואס אוועק צוא שיפין דיא צייט איז זויער אונ ביטער גיוועזין דאס אוועק פארען פון אזא גיטרייער קענפע וואס האט זייא אזא לאנגע צייט מיט אלעם גוטין פאר זארגט היינט ווידער דיא השגחה פון זיין ליבען נאמען וואס האט איהם טויזענט מאהל פאר אומגליק באהיט אונ תמיד אויף גיהאלטען דאס האט איהם אזו פעסט ביי דער פאלע גיהאלטען אז ער האט זיך נישט גיקענט פון ארט רירין דאס ארט איז זייא אזו היילינג גיוועזען וויא איהר קענט אייך נאר פארשטעלען דיא טרערען האבען זיך איבער דיא באקין אזו היים גיגאסין אז עס איז זיך ארחמנות אן גינאנגען אלטער לעב האט זיך נישט גיוואוסט קיין עצה צוא געבען דא טוט איהם זייער וויא אזא ליב ארט צוא פאר לאזען אונ דארט האבין איהם דיא פיינע האפענונגען גירופען פרייא דיך דיא צייט איז שוין גיקומען זאלסט דער לייזט ווערין ער האט זיך אנידער געווארפען אויף דער

עֶרד אוּנ הָאט זַייעֶר עֶרינְסְט מִיט הַארְץ צוּא גָאט מִתְפַּלֵל גִיוֶועזֶן •

דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר זַייעֶר גִישְׁטַארְקְט גִיוָוארֶען אוּנ הָאט זִיךְ ווִידֶער אוֹיף גִיהוֹיבֶּען קוּקְט זִיךְ פוּן אַלֶע פִיהר זַייטֶען אוּם אוּנ עֶר הָאט זִיךְ מִיט אַלֶעם וָואס זַיינֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען נָאר גִיקֶענְט זֶעהֶען וֶועלְדֶער בֵּיימֶער פֵּירוֹת תְּבוּאוֹת אוּנ מִיט אַלֶע זַאכֶען וָואס עֶר הָאט אַלֵיין מִיט זַיין בִּיטֶערֶען שְׁוֵיס גֶעאַרְבֵּייט מִיט וַויינֶען אוּנ קוּשִׁין גִיזֶעגִינְט שבת אוֹיךְ דָאס אַוֶועק גִילָאזְט פוּן גִיטְרַייעֶר מִשְׁפָּחָה בְּרִידֶער אוּנ פְרַיינְד וִויא עֶר הָאט נָאךְ דֶער זֶעהֶען לאמאס אִין טָאהל פַּאסֶען הָאט אִים צוּם אִיבֶּערִינְגֶען דָאס הַארְץ גִיבְּרָאכִין קוּרְץ עֶר הָאט זִיךְ דָאס פָּנִים פַאר הַאלְטֶען אוּנ הָאט זִיךְ קוֹים אַרָאפּ גִיוַואקִילְט צוּם שִׁיפִּיל עֶר הָאט אַלֶץ מִיט זִיךְ אַלֵיין מִלְחָמָה גִיהַאלְטֶען צוּא זָאל עֶר זַייא פַאר לָאזִין צוּא נִישְׁט מִיט בִּיטֶערֶע טְרֶערֶען הָאט עֶר גִישְׁרִיעֶן צוּא דִיא אַלֶע זַאכִין גְלַייךְ זַייא וָואלְטִין גִילֶעבְּט אוּנ פַאר שְׁטַאנֶען זַייט גִיזוּנְט זַייט גִיזוּנְט זַייט גִיזוּנְט, אִיךְ מוּז אַייךְ פַאר לָאזִין עֶר קוּשְׁט דִיא עֶרְד דִיא בֵּיימֶער אוּנ דִיא בְּלֶעטֶער עֶר לוֹיפְט אִין שִׁיפִּיל אַרַיין •

קוֹים אִיז עֶר דְרִינֶען לוֹיפְט אִיהם עֶפֶּעס נָאךְ אוּנ שְׁרַייט אלטער לעב אלטער לעב וִויא פַאר לָאזְטוּ מִיךְ דָאס אִיז גִיוֶועזֶען זַיין פַּאפּוּגֶע עֶר הָאט זַיא גִיקוּשְׁט גִיהַאלְזְט אַוֶועק גֶעיָאגְט מִיט בֵּייזֶען אוּנ מִיט גוּטֶען זַיא הָאט אִיהם נִישְׁט גִיוָואלְט אָבּ טְרֶעטִין זַיא אִיז אִיהם אוֹיף דֶער הַאנְד אַרוֹיף גִיפְלוֹיגִין פוּן דֶער הַאנְד אוֹיף זַיין קָאפּ פוּן קָאפּ אוֹיף דֶער פְּלֵייטְצֶע אוּנ הָאט זִיךְ דָארְט אַנִידֶער גִיזֶעצְט בִּיז עֶר הָאט זַיא גֶעמוּזְט מִיט נֶעמֶען •

שבת הָאט זִיךְ אוֹיךְ שׁוֹין זַיין חֵלֶק אָבּ גִיוֵויינְט אוּנ הָאט קוֹים גִיקֶענְט דִיא מִינוּט דֶער וַוארְטֶען אַז מֶען זָאל פָאהרֶען אַקָארַאט דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג אִין חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָון אִין נַיינְטִין יָאהר אַז אלטער לעב אִיז דָארְט פַאר שְׁוַוארְצְט גִיוָוארֶען זַיינֶען זַייא מִיט אַגוּטִין ווִינְד שְׁטִיל שִׁיין צוּם מַזָל אַוֶועק, זַייא שִׁיפִין זִיךְ בְּשָׁלוֹם בִּיז זַייא זַיינֶען וַוייט אִין יַם אַרַיין גִיקוּמֶען בַּייא אַיין רִין דָאס הֵייסְט אַשׁוּרָה אִין דֶער לַיינְג אָדֶער אִין דֶער בְּרֵייט פוּן גְרוֹיסֶע פֶעלְזִין וָואס עֶנְטְפֶער

דָאס יַם פַארְדֶעקְט זַייא אָדֶער כֶען זֶעהֶעט זַייא אַרוֹיס וְויא זַייא זַיינֶען אַהִין צוּם שִׁפִּיף אָן גִיקוּמֶען הָאט דָאס שִׁיפִּיל זִיךְ אָנְגִיהוֹיבִּין צוּא דְרֵייעֶן אוּנ צוּ יָאגֶען וְויא דֶער פַּייל פוּן בּוֹיגֶען בֵּיידֶע הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקֶען אוּנ הָאבֶּען דִיא פְלַאגֶעס גִילָאזְט וַוייל זַייא הָאבִּין גִימֵיינְט אַז דֶער וִוינְד אִיז שׁוּלְדִיג עֶס הָאט אָבֶּער גָאר גִישְׁט גִיהָאלְפֶען וַוייל דֶער שְׁטְרָאם הָאט אַזוֹ גִישְׁטְרָאמְט וְויא אוֹיס אַנִיוֶוער אַרוֹיס אוּנ הָאט דָאס קְלֵיינֶע גְרִינְגֶע שִׁיפִּיל מִיט זַייא בֵּיידֶע מִיט גֶעוִי‌יָען •

אִיצוּנְר אִיז אלטער לעבּ נָאר גִישְׁט בַּייז גִיוֶועזֶען אוֹיף זִיךְ וָואס עֶר הָאט זִיךְ וִוידֶער אַוֶועק גִילָאזְט וָוארוּם עֶר הָאט גִימֵיינְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין צַייט צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערֶען צוּא קוּמֶען אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר זַיין קָארַאשׁ נִישְׁט פַאר לָארֶען אוּנ מִיט גְרוֹיס בְּטָחוֹן אָן גָאט הָאט עֶר זִיךְ אִיהם אִין גַאנְצֶען אִין דֶער הַאנְד אַרַיין אִיבֶּער גִיגֶעבִּין בְּקִיצוּר זַייא זַיינֶען אַזוֹ פַארְשְׁוַוארְצְט גִיוָוארִין אוּנ פוּן אַיין סַכָּנָה אַרוֹיס אִין דֶער אַנְדֶערֶער עֶס הָאט זִיךְ זַייא שׁוֹין גֶעדַאכְט אַז זַייא מוּזֶען זִיכֶער אוּנְטֶער גֵיין וַוייל עֶס הָאט מֶעהר נִישְׁט גִיקֶענְט דוֹיעֶרִין נָאךְ הֶעכְסְטֶענְס אַיין הַאלְבֶּע שָׁעָה וָואלְטֶען זַייא שׁוֹין נִישְׁט גִיוֶועהָען אַיין הָאר פוּן זֵייעֶר זִוויסְטֶער קֶענְפֶּע •

אוֹי אִיז אִיהם נָאךְ בִּיטֶער גִיוֶועזֶען וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גִיהַאט מִיט זִיךְ קֵיין קָאנְפַּאס דָאס הֵייסְט וָואס אַלֶע שִׁיפֶערְם מוּזִין הָאבִּין אוֹיף דֶעם יַם דֶער קָאנְפַּאס וֶוערְט אַזוֹ גֶעמַאכְט אַקָאיילִיכְדִיג פוּשְׁקֶעלֶע אִין דֶער אִינֶען אַנָאדִיל פוּן שְׁטָאהל דִיא נָאדִיל וֶוערְט בַּיים שְׁפִּיץ אָן גֶערִיבֶען מִיט אַשְׁטֵיין וָואס עֶר הֵייסְט מַאגְנֶעט אוּנ דֶער מַאגְנֶעט הָאט דִיא סְגוּלָה אָהן זִיךְ אַז עֶר מֶעג שְׁטֵיין אִין מזרח מערב אָדְער דָרוֹם זַיט, אַחְדוּשׁ וַוייזְט עֶר נָאר אוֹיף צָפוֹן זַייט וַוייל אוֹיף דֶעם יַם זַיינֶען טוֹיזֶענְד עֶרְלֵייא וֶועגֶען שְׁטְרַאסִין אוּנ זַייטֶען וֶוענְלִיךְ וֶוער עֶס הָאט אַקָאנְפַּאס קוּקְט אוּנ זֶעהֶעט וואו צָפוֹן אִיז וַוייסְט עֶר דֶער דוּרְךְ אַלֶע רֶגֶע אַלֶע מִינוּט וואוּ אַהִין עֶר הָאט זִיךְ צוּ וֶוענְדֶען אלטער לעבּ הָאט דָאס אָבֶּער גִישְׁט גֶעהַאט הָאט עֶר פוּן זַיין לֶעבֶּען נִיט גִיוואוּסְט וְויא אוֹיס אוּנ וְויא אַיין •

אזוי ווייא וואס פאר רחמנות איז דאס אויף מענטשען וואס זיינען אין אזעלכע סכנות אלע אויגען בליק דעם טויט פאר זיך צוא זעהען קאן נאך עפעס ערגירס אויף דער וועלט פאר האנדין זיין דא זעהעט מען בעשיינפערליך ערשט וואס דאס הייסט בטחון האבין צו גאט וויא טייער אמת ואמונה אן גאט איז ווארום ווען נישט דיא אמונה ווען נישט דער בטחון וואלט ער איצונד שוין אן גאטס הילף פאר צאגט אונ וואלט אן זיך אמעשה גיטאן, והא ראיה שבת איז גאר נישט גיוועזען ביא אזא גרויסע מדריגה האט ער זיך תיכף גיוואלט דעם לעבען נעמען שבת האט דיא סכנות נישט מעהר גיקענט אויס האלטען ווארום זייא האבען ביידע נישט מעהר קיין כח גיהאט מיט דאס רודער צוא ארבייטען אזעלכע צרות צו ליידען איז מיר ליבער דער טויט אזוי האט שבת גישריען אונ דאס קול איז גיגאנגען עד לב השמים לאזען מיר ליבער אין וואסער אריין שפרינגען וואס האבען מיר זיך נאך צוא מוטשען.

אלטער לעב זאגט מיט פאר וויינטע אויגען מיין פריינד וואו זיינען דיא לעהרע וואס איך האב דיר ערשט גיגעבען דוא האכט נאך קיין גוט הארץ אונ קיין שטארקען גלויבען אן גאט נישט אזו לאנג נאר איין אדער ריהרט זיך אין אונז טארען מיר נישט אהן זיין ליבען נאמען פאר צאגען וואס איז דאס זיך אליין דאס לעבען צוא נעמען מיינסטו דען אז מען קען זיך נאך דעם טויט פאר דעם איינציגען גירעכטען גאט באהאלטען מיט דעם וואס דוא וועסט דיך אליין אום בריינגען אדער נאר אקליינעם שאדען טאן פאר זינדיגסט דוא דיך אן גאט אויף יענער וועלט וועסטו שוין דיין שטראף באקומען זעסט דוא אז גאט זאל וועלען אונז ממית זיין וואלטין מיר שוין לאנג אויף דעם אב גרונד פון ים גיוועזען מסתמא אז מיר לעבען נאך וועט ער אונז מציל זיין אויך, ער מאכט שבת נאך מעהר קאראש אונ זאגט איהם מיר וועלען זוכה זיין צו פיהל פנים לעולם הבא נאר אז מיר וועלען דורך גאטס שליח שטארבען ווען מיר וועלען אונז אבער אליין אום בריינגען זיינען מיר פאר לארען אויף אייביג אין דער גרונד העל.

שבת האט זיינע ווערטער דורך אונ דורך געפיהלט די וואהרהייט פון די רייד האבען. איהם דורך גישאקילט אונ אפונק פון אמונה איז איהם אין קאפ אריין גיקומען ער הייבט זיך אויף פוהל מיט קאראש אונ נעמט זיך ווידער גישמאק צוא ארבייטען אונ זאגט ביסט גירעכט מיין ליבער לעהרער אזוי לאנג איך האב נאך איין פונק פון לעבין אין מיר האף איך צוא דעם איינציגען גאט אז ער קען זיך דערבארימען אונ אונז ביים לעבען צו דערהאלטען.

פון דעסט וועגען איז דאס שיפעל אלע מאהל וייטער גישוואומען אונ גיפלויגען וויא די קויל אויס דער ביקס גאר איין איינציגען בארג שפיץ פון זייער קעפע האבען זייא נאך גיקענט זעהען אונ איבער דעם האבען זייא גימוזט אלע האפענונג ניצול צוא ווערען ווידער אוועק ווארפען וייל עס האט זיך זייא גידאכט אז עס איז גאר אום מעגלעך ניצול צוא ווערען.

מיר וייסען אבער אמבעסטען דער אומגליקליכער מענטש מיינט שוין וועט אלע שטריק רייסען אין די גרעסטע נויט איז שוין נישט צו העלפען דענסטמאהל ערשט האלט זיין ליבער נאמען זיין רעכטע האנד איבער איהם אונ באווייזט וואונדער איבער זייא אויס דער נויט צוא העלפען.

אזוי איז דא אויך גיוועזין אלטער לעב אליין מיט זיין גרעסטען גלויבין אונ בטחון האט גיזעהען אז דער טויט:ליגט זייא פאר די פיס זייא מוזין אום קומען אונ אין דעם אויגען בליק וואס ער האט אן גיהויבען ווידוי צו זאגען אין דעם נעהמליכען אויגען בליק האט ער גיפילט אז דאס שיפיל שווימט רוהיגער וויא פריער אונ אז זיין שיפעל האט זיך אביסיל קיין דרום זייט איבער גידרייט מיט דעם גאנצין כח האט ער צוא זיין חבר שבת גישריען שבת לעב שבת לעב זייא לעבעדיג אויף גירוימט גאט האט נישווארען מיר זאלין נישט ווערין פארלארען גאט וויל אז מיר זאלין לעבין מיר וועלין נאך נחת האבין דיא נאייע האפענונג צום לעבין האט זייא נייעם כח גיגעבין אונ זייא זיינען גישטארקט געווארען אונ אן געהויבען ווידער מיט די רודער צוא ארבייטען.

ווייל אלטער לעב איז שוין געוואונט געווא־ען די קלענכטע טובה פון גאט צו דער קענען האט ער אצונד געפילט אגוטען ווינד ער שפאנט אוף די פלאגען אונ ביידע האבין דעם ווינד מיט רודערין אונטער געהאלפען האבין זייא דרויף דעם תענוג געהאט צו זעהן אז דאס שיפעל איז אויס דער גרויסער סכנה ניצול געווארען אונ ווידער אויף דער הויפט וואסער שטראם גאנץ פרייא אן סכנה געשטאנען .

שבת האט זיך בווייזט פאר גרויס שמחה ער איז ארוף געשפרונגין אונ וויל זיין פריינד קושען אלטער לעב בעט אים זייער אצונד זיך נאך נישט אזו פרייען ווארום ווער ווייסט וואס עס קען נאך געשען זייא זיינען שוין אזו וייט פאר ווארפען געווארען אז זייא האבען פון זייער קענפע נישט מער ארויס געזעהן נור ויא אשווארצין פלעק אויף דעם וואסער מיט גרויס חשק אונ קאראש האבען אונזערע שיפערס צו גערודערט איבער זייער כח האבין זייא געטאן אונ שוין האט אלטער לעב מיט גרויס נחת געשריען מיר זענין ניצול געווארן, מיר האבן שוין יבשה .

אין דעם נעמליכען אויגען בליק האט זייער שיפיל ווידער איין שטויס באקומען אז ביידע רודערס האבען זיך אב געריסען אונ אין שיפעל ארייין געפאלען אזוי ווייא דאס שיפעל מיט די ארעמע לייט זיינען שוין ווידער פאר ווארפען געווארען אונ די וואסערען שפרינגען פון אלע זייטען אין שיפעל אריין ווער וואלט בעסער געוועזען אין דער רגע וואס זייא האבען לחלוטין געמיינט אז זייא זיינען ניצול געווארין אין דער רגע זיינען זייא ווידער אומגליקליך געווארען פלוצלונג שטייט דאס שיפעל וויא אן געשלאגען אונ די וואסערען שפריצען פון אלע זייטען שיסענדיג אריין וואלט דאס שיפעל זיך אן געשלאגען אן אפעלזען וואלט שוין נאך זייא געוועזן .

צום גרעסטען גליק האט אלטער לעב געשווינד אונטער געזוכט אונ געפונען אז דאס וואסער איז גאר נישט טיף וויינעגער נאך פון איין איל ער האט זיך אפילו נישט איין רגע איבער געלייגט אונ שפרינגט צראפ אויף דעם גרונד שבת האט געצקיט אים נאך אונ בלייבען שטיין אויף זאמט דער פון האבען זייא זיך זייער געטרייסט ווארום זייא האבען אלע יגיעות אונ כוחות אן געווענד אונ האבען דאס

שיפעל ווידער אין טיפען וואסער אריין גישטופט זייא האבען מיט דיא רודירס אונ העננט דאס וואסער אויס דעם שיפעל ארויס גישלעפט לאזען דיא פלאגעס ווידער נאך באפעסטיגט וויא דיא רודערס גאנץ פעסט אונ שיפען ווידער אויף דעם רעכטען וועג פיר שעה האבען זייא מיט דעם ביטערען נויט שוויים גיארבייט.

אלטער לעב האט דערקענט דאס ארט וואו ער האט פאר ניין יאהר מיט זיין שיף גישטראנדעט דאס הייסט אז דיא שיף פאר לויפט זיך אין זאמט אריין אונ קען זיך נישט ריהרען נישט אהין אונ נישט אהער דאס הארץ איז אין איהם פאר מורא צו גאנגען אונ דער בטחון אן נאט האט איהם ווידער דיא מורא אויס דעם קאפ ארויס גישלאגען אונ מיט חשק האבען ביידע אין איין שטיק ווייטער גיארבייט זייא זאלען צוא דער קענפע ווידער צוא וואס זייא האבען פון ווייטינס ווידער גיזעהען אונ עס איז זייא גיראטען צוא קומען אויף דעם הויפט שטראם פון ים נאר וואס דיא זון האט שוין איהר קאפ אנידער גילייגט דער לעצטער בליץ פון דיא שטראלין זיינען שוין אין וואסער פאר לאשען גיווארען אונ זייא זיינען בשלום ווידער צו ריק גיקומען מאט שלעפירעג אב גיארבייט אונ הונגעריג אויף זייער קענפע ארויף.

וויא זייא זיינען אויף דער טרוקינעש ארויס האבען זייא גישווינד צוא גיצוגין דאס שיפעל צום בארטען אונ פאר אלעם האבען זייא ניט גיוואלט גיין אין זייער דירה אריין ביז זייא האבען פריער עפעס גיגעסען איידער זייא האבען זיך גילייגט פאר מידיקייט האבען זייא ביידע גידאנקט דעם אייבערשטען פאר זיינע חסדים אונ גינאד, אונ אלטער לעב זאגט צו שבת זעסטו מיין פריינד אזוי העלפט נאט אלע זיינע נוטע אונ פרומע לייט וואס האבען דעם בטחון באמת נאר צוא איהם צוא זיין ליבען נאמען אונ דיא וואס נעמען אלץ דינג אן באהבה אונ איבער געבען זיך זיין היילינען ווילען דארפסט דוא נאך מער איבער געוויזען צוא ווערען וויא אצונד דער מענטש מוז גילאסען זיין ווארום פאר זיין ליידען אויף דער וועלט ווערט ער באלוינט אויף יענער וועלט מיר וועלען ערינסט קריאת שמע

לַייֶענֶען דֶער נָאךְ װָועלֶען מִיר זִינְגֶען צוּ גָאט װָואס מַיין הַארְץ פִילְט
אוּנ דוּא װָועסְט מִיר אוּנְטֶער הַאלְטֶען ֶער זִינְגְט אוּנ שבת חֲזָרַת דִיא
לֶעצְטֶע װָוערְטֶער אִיבֶּער ׃

אלטער. װָואס ֶעס פַאר מֶעהרִין זִיךְ מַיינֶע פְּלָאגִין
מֶעהר װִויל אִיךְ נִישְׁט אָן גָאט פַאר צָאגֶען ׃
דֶער מֶענְשׁ װַוייסְט נִישְׁט װֶועלְכֶעס אִים נוּצְט
נָאר גָאט װָואס אַלֶע בְּרוּאִיט בַּאשִׁיצְט ׃
אַלֶע װָואס הֶערִין נָאר צוּ זַיינֶע װֶוערְטֶער
אִיז ֶער מַצִיל אוּים סַכָּנוֹת אִין אַלֶע ֶערְטֶער ׃

שבת. אַלֶע װָואס הֶערִין נָאר צוּ זַיינֶע װֶוערְטֶער
אִיז ֶער מַצִיל אוּים סַכָּנוֹת אִין אַלֶע ֶערְטֶער ׃

אלטער. גָאט װֶוענְט דֶעם מֶענְשׁ צוּ דֶער פָּאר
גְלִיק אוּנ אוּם גְלִיק טָאג אוּנ יָאהר ׃
נָאךְ אֵיידֶער דֶער מֶענְשׁ װֶוערְט גִיבּוֹירֶען
אֵיידֶער ֶער הָאט דֶער װֶועלְט צוּ גִישְׁװָוארִין ׃
פַאר זִיכֶערְט אִיהם גָאט תָּמִיד צוּ הֶעלְפֶען
אוּים אַלֶע נוֹיטֶען װֶוען ֶער װֶועט דַארְפֶען ׃

שבת. פַאר זִיכֶערְט אִים גָאט תָּמִיד צוּ הֶעלְפֶען
אוּים אַלֶע נוֹיטֶען װֶוען ֶער װֶועט דַארְפֶען ׃

אלטער. מֶענְשׁ אַלֶע דַיינֶע זָארְגֶען
בְּלַייבֶּען פַאר גָאט נִישְׁט פַאר בָּארְגֶען ׃
ֶער זֶעהט אוּנ װַוייסְט פְּרִיֶער
װָועלְכֶעס בֶּעסֶער אִיז פַאר דִיר ׃
אוּנ װִויל ֶער אוּיף דִיא װאוּנְדֶען זַאלְץ שִׁיטֶען
גְלַייבּ הֵיילִיג אַז ֶעס אִיז נָאר צוּ דַיין גוּטֶען ׃

שבת. אוּנ װִויל ֶער אוּיף דִי װאוּנְדֶען זַאלְץ שִׁיטֶען
גְלַייבּ הֵיילִיג אַז ֶעס אִיז נָאר צוּ דַיין גוּטֶען

אלטער. מענטש נישט דאס גליק אויף דער וועלט
איז נאר גאלד זילבער און פיל געלד.
נאוה טוט נישט אין געלד באשטיין
געלד קען וויא וואקס פאר פייער צו גיין.
צו דיא געלט גוט און פרום צו לעבען
קען גליק אויף ביידע וועלטען געבען.

שבת. צו דיא געלד גוט און פרום צו לעבען
קען גליק אויף ביידע וועלטען געבען.

אלטער. עס זיינען פאר האנדען אסייל לייט
וויל עס גייט זייא גוט אלע צייט.
פאר מאנען פיהל געלד פעריל און קייטען
טוען זייא דיא הענד אויס שפרייטען.
נאר דאס גאלד טוען זייא שעטצען
דינען דער צוא וויא צו דיא געטצען.

שבת, נאר דאס גאלד טוען זייא שעצען
דינען דער צו וויא צו דיא געטצען

אלטער, איך טרעט גאלד מיט דיא פיס
גאט צו פאלגין איז צוקער זיס.
דיא צייט שלאגט מכות אכזרות
מיט קריינק און מיט צרות.
איך טראג עס אין שטילען
נעם פאר ליב זיין היילינען ווילען.

שבת, איך טראג עס אין שטילען
נעם פאר ליב זיין היילינען ווילען.

אלטער, גאט היילט ווידער דעם שלאפען
נאר ער האט רפואות באשאפען.
זיינע מעשים זיינען זייער גרויס

עָר נָעמְט אוּנְז אַלֶע אִין זַיין שוּיס .
מִיר מָענְטְשִׁין זַיינָען אַלָע בְּרִידָער
אוֹיךְ דָער וָואס הָאט חַרָטָה וִוידָע־ .

שבת. מִיר מָענְטְשָׁען זַיי֫עָן אַלֶע בְּרִ דָער
אוֹיךְ דָער וָואס הָאט חַרָטֶה וִוידָער .

## בַּיידָע

מִיר לִיגָען אוֹיף דִיא קְנִיע אִין שְׁטוֹיבּ
בָּעטָען צוּ דִיר מִיט גְיַזאנְג אוּנ לוֹיבּ .
מִילְיָאנֶען בְּרוּאִים קֶענְסְט דוּא בַּאנְלִיקֶען
בָּעטָען מִיר אוּנְז אַרְפוּאָה צוּ שִׁיקֶען .
בַּאשֶׁעהר אוּנְז אַ שִׁיף אַרוּהִיגָען וִוינְד
וִוידָער אַהֵיים צוּא קוּמָען גְשְׁווִינְד .

זַייא לַייגָען זִיךְ שְׁלָאפֶען אוּנ רוּהָען זַייעָר גִשְׁמַאק אִין דָער פְּרִיה וִויא זַייא זַיינָען וִוידָער אוֹיף גִשְׁטַאנֶען הָאבָּען זַייא וִוידָער זַייעָר עָרִינְסְט גִידַאוִוינְט אוּנ הָאבִּין זִיךְ גִיזָעצְט אָן בַּייסָען עָסִין, אלטער לעב פְרֶעגְט שבת אוֹיבּ עָר הָאט קָאַראשׁ חַיינְט וִוידֶער אַזא סַכָּנָה זִיךְ צוּא אִיבֶּער גָעבִּין וִויא נָעכְטָען אוּנ שבת עָנְטְפָערְט אִים אוּנ צִיהְט אוֹיף מִיט דִיא פְּלַייצָעס עָר וִויל נִישְׁט .

אלטער, וִוילְסְט דוּא דָא שׁוֹין דַיין לָעבָּען צוּא בְּרֵיינְגָען אוֹיף דָער וִויסְטָער קֶענְפֶּע .

שבת, יוּא וָועןְ מַיינֶע עָלְטָערָען זָאלִין נָאר אוֹיךְ דָא זַיין -

אלטער, בַּיינְגְסְט דוּא וַוייטָער נָאךְ דַיינֶע עָלְטָערִין .

שבת, אִיךְ בֶּעט דִיךְ טוֹיזָענְד מָאהל אִיבֶּער פַּאר וָואס זָאל אִיךְ נִישְׁט בַּיינְקֶען בִּפְרַט אִיךְ בִּין פוּן זַייא נָאר פִיר מַייל וַוייט עָר לַיינְט דָאס עָסִין אוֹיס דָער הַאנְד אַרוֹיס אוּנ וַויינְט מִיט בִּיטָערָע טְרָערִין אלטער לעב הָאט זִיךְ דָער מָאהנְט אָן זַיינָע עָלְטָערִין אוּנ וַויינְט אוֹיךְ מִיט בִּיטָערָע טְרָערִין אַלַאנְגֶע צַייט הָאבִּין זַייא זִיךְ בַּיידָע שְׁטִיל שְׁוַויגִינְדִיג אָן גִיקוּקְט .

צווייטער טהייל

אלטער, נוא שוייג שוין שבת אז גאטס ווילען וועט זיין וועלין מיר אמאל אריבער פאהרען אונ וועלין דיינע עלטערין אריבער נעמען.

שבת, שפריגגט פאר נחת צוא אלטער לעב צוא אונ נעמט איהם ארום אונ האט פאר גיוויין נישט גיקענט קיין ווארט ארויס ריידין.

אזוי האבען ווילדע מענטשען ליב זייער פאטער אונ מוטער זעהט מען בחוש אז גאט האט שוין אזוא דעם מענטשען דיא ליב שאפט קעגין פאטער אונ מוטער אין דער טבע ארײן גיגעבין אונ חוץ דעם האט נאך אונז דיא היילינע תורה אן גיזאגט אז מען זאל פאטער אונ מוטער ערליך האלטען וואס מוז דאס פאר איין שלעכטער מענטש זיין אז עס טרעפט זיך איינער וואס איז ווידער שפעניג קעגין זיינע איינענע עלטערען אונ אונטער שטייט זיך זייא אקעגין צוא ריידין מיט איינעם וואס האט דיא האזה זיינע עלטערין צוא קוועלען טוט זייא נאך עגמת נפש אן, מיט אבן סורר ומורה טאר מען נישט אונטער איין דאך זיין אזעלכער קען זייער לייכט אנזלען ארוצח אונ וויינינסטענס אגנב ווערען לאזט איהם לויפען ער וועט אליין פאלען גאטס גירעכטיגקייט וועט איהם שוין טרעפין.

אלטער, פרעגט שבת אויב ער איז זיכער אונ ווייסט דעם וועג צו זיינע עלטערין כדי עס זאל זייא נישט ווידער אזא אומגליק באגעגען וויא נעכטין, שבת ענטפערט איהם יוא ער קען דעם וועג אזוא גוט אז ער קען זיך איינשטעלין אן אשום אחריות אן אשום מכשול בייא נאכט אהין צוא פאהרען אנאנדער צייכען ער איז שוין הונדערט מאל דעם וועג גיוועזען זייא פלעגין צוא פיהרען מענטשין בראטין אונ פרעסין אלטער לעב פרעגט איהם ווייטער האסטו אמאל מענטשין פלייש גיפרעסין.

שבת, אוי יוא וואס האב איך גיזאלט טאן האב איך דען געוואוסט אז מען טאר נישט.

אלטער, אויף וועלכער זייט פלעגט איר דיא מענטשען אום ברייננען.

שבת, תמיד נאר אויף דרום זייט פון דיין דירה וויל דארט וואקסען דיא מעהרסטע שיינע פירות.

אלטער, הָאט דֶער פוּן וִוידֶער אַנַייעָה הַשְׁגָחָה פְּרָטִית אַרוֹיס גִינוּמֶען פָּאר וָואס זַיין שִׁיף בְּרָאךְ אִיז נִישְׁט אוֹיף דָרוּם זַייט גִיוֶועזֶען נַוייל אוֹיף יֶענֶער זַייט פְלֶעגְט דִיא ווילְדֶע צוּא שְׁווִיבְּלִין אוּנ גְרִיבְּלֶען עֶר אִיבֶּער חָזֶרְתּ נָאךְ אַמָאל אוּנ גִיט זַיין וָוארְט נָאךְ שבת עֶלְטֶערִין אַרִיבֶּער צוּ פָאהרֶען זַייא אוֹיף זַייעֶר קֶענְפֶּע אַרוֹף צוּא נֶעמֶען.

דִיא לַייט גַייעֶן זִיךְ אִין דֶער דִירָה אַרַיין אוּנ רֵייִדין זִיךְ אָב אִיבֶּערֶען וֶועג זַייא זָאלֶען זִיךְ דֶער וַוייל פַארְטִיג מַאכֶען וָואס זַייא דַארְפִין נַייטִיג, אלטער לעב אִיז זַייעֶר גֶעדוּלְדִיג גִיוֶועזֶען אוּנ הָאט צוּא אַלֶערְלַייא מְלָאכוֹת זַייעֶר אַגוּטֶען קָאפּ גִיהַאט אַזוֹא הָאט עֶר אַלֶע מָאל עֶפֶּעס נַייעֶס מַמְצִיא גִיוָועזֶען שבת הָאט גִיאַרְבֵּייט וִויא אַיין אֵייזִיל וָוארוּם עֶר הָאט פוּן הַארְטֶען הָאלְץ צְוַוייא שַׁארְפֶּע לָאפַּאטֶעס גִימַאכְט אַז זַייא הָאבִּין זִיךְ נִישְׁט גִידַארְפְט צוּא שֶׁעמֶען קֶעגִין אַייזִין.

אוּנְזֶערֶע לַייט אִיז דָאס וָואס זַייא הָאבִּין גִידַארְפְט נָאךְ וֵוייגִיג גִיוֶועזֶען זַייא הָאבִּין דִיא צַייט גִישְׁט גִישְׁפָּארְט אוּנ הָאבֶען אָן גִיהוֹיבֶּען דִיא קֶענְפֶּע מִיט אַלֶע מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ פַּאר שֶׁענֶערִין פְרִיעֶר הָאבִּין זַייא דִיא גֶערְטְנֶער אַף עֶנְגְלִישֶׁער אַרְט פַּאר שֶׁענֶערְט אוּנ פַּאר בֶּעסֶערְט אוּנ פַּאר צַאמְט דִיא גֶערְטְנֶער הָאבֶען זַייא גִימַאכְט אֵיינֶעם אַבְּלוּמֶען גָארְטֶען דֶעם אַנְדֶערֶען אַקְרַייטֶער גָארְטֶען אוּנ דֶעם דְרִיטֶען אַיין אוֹיבְּסְט גָארְטֶען דִיא פֵּירוֹת וָואס עֶר הָאט גִימֵיינְט אַז זַייא זַיינֶען וֵוייניג הָאט עֶר דִיא צְוַוייגִין אִין אַנְדֶערֶע בֵּיימֶער אַיינְגִיזֶעצְט שבת הָאט גָאר נִישְׁט גִיוואוּסְט וָואס מִיט אִיהְם טוּט זִיךְ, אלטער לעב הָאט אִיהם אָבֶּער מִיט דֶער צַייט אַלְץ דִינְג אוֹיס גִילֶערִינְט דִיא עֶרְד אִיז דָארְט אַזוֹא וַוייךְ גִיוֶועזֶען שׁוֹין פוּן תְּחִלַּת מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית גְלַייךְ אֵיימִיצֶער הָאט זַייא גִיאַקֶערְט אוּנ אִיבֶּער דֶעם הָאט אַלְץ דִינְג וָואס עֶר הָאט גִיפְלַאנְצְט גִישְׁווִינְד שֵׁיין אוּנ גוּט אוֹיף גִיוַואקְסֶען.

אִין מִיטִין הָאבִּין זַייא אָן גִיהוֹיבֶּען פִּישֶׁערְשׁ צוּא וֶוערֶען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ תָּמִיד גָאר אַזוֹא פִיהל גִינוּמֶען וִויא פִיהל זַייא הָאבֶּען גִידַארְפְט דָאס אִיבֶּערִיגֶע הָאבִּין זַייא וִוידֶער גִיוָוארְפִין אִין יַם אַרַיין זַייא הָאבֶּען גִיזָאגְט עֶס אִיז אַגְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אַז מֶען נֶעמְט

בייא באטש באשעפענישען דאס לעבען, נאר חיות רעות מעג
מען תמיד אויף טויט אומברענגען.

זייא פלעגען זיך טאג טעגליך צוא באדען און אלע מאהל
האט אלטער לעב פאר וואונדערט אויף שבת וויא גישווינד ער
שווימט ער האט זיך תמיד אויס גיזוכט דיא גרעסטע וואסערען
וואס זיינען זייער טיף גיוועזען און מיט פעלזען בעוואקסען דארט
וואו דיא וואסערין האבין זיך פאר שוימט איבער דעם ברעג
אריבער דארט פלעגט שבת פון דערהייך אראב צו שפרינגען מיט
גילעכטער און ער איז אונטער דעם וואסער געבליבען אז אלטער
לעב האט שוין גימיינט אז ער איז ערגעץ איין גיזונקען גיווארען
און אויף איין מאהל איז ער אויף איין אנדער ווינקעל ארויס
גיקומען קורץ מען קען עס נאר נישט גלייבען וויא וואול שבת האט
אין ים גישוואומען.

אלטער לעב זאגט אזוי, גרויסער גאט וויא דוא אליין ביסט
אזוי וואס קיינער פאר שטייט דיך נישט אזוי האסט דוא גיטאן
אין דער טבע פון דעם מענטשען מיט דעם וואס דער מענטש קען
דורך דער טבע אלעם ארויס ברענגען.

וויא זייא זיינען אלע טאג נאך וואריםעס אויס גיגאנגען
נאפאליוואנע און האבען זייער פיהל גרויסע און קליינע חיות אום
גיבראכט האט שבת גיוואלט זיך איינעם בראטען און עסען און
אלטער לעב האט איהם נישט גילאזט, האט שבת גימיינט אז ער
פאר גינט איהם נישט דער נאך וויא ער האט גוט מהדר גיוועזען
אז אלטער לעב עסט אויך ניט פון דיא גיפאנגענע חיות איז איהם
שוין נישט מעהר קשה גיוועזען און האט נישט מער גיוואלט עסען
ער האט אפילו עטליכע מאל אלטער לעבען גיפרעגט דעם טעם און
ער האט איהם אלץ מדחה געוועזען אז ער וועט אים שוין אמאל
דעם טעם זאגען.

שבת איז אגרויסער בריה געוועזען אין קליינע מלאכות
וואס עס איז זייא אויף דער וויסטער קענפע זייער צו נוטץ גיקומען
דהיינו ער האט אויס ביינער שטיינער גיקענט מאכען אלערליי

כלים גיקענט שניצין און אויס קריצען און שניידען אז זייא זיינען אזוי גוט געוועזען וויא אונזערע אייזערנע אדער שטאלענע כלים בקיצור וואס זייא האבען נאר גידארפט קליינינקייטען אין דער ווירט שאפט האט ער גימאכט, אויס דער פירה פון דעם ברויט פרוכט בוים טייג קנעטען, דיא ווילדע מענשען פלעגען עס רויערהייט צו עסען און אלטער לעב האט עס ביים פייער גילאזט באקען און עס האט אטעם גיהאט במעט וויא ברויט.

נאך עפעס האט ער זיך ביים שבת אויס גילערינט קיין מאל האט ער נישט גיוואוסט וואס צו טאן מיט דיא קאקוי בוינישלעך ער האט איהם גיהייסען דיא בוינישלעך וויא קאווע ביים פייער ברענען און צווישען שטיינער דין צו קלאפען האבען זייא איהם נאר פאר שמעקט ווארום ער האט דיא גימאלינע בוינישלעך מיט זיין לאמא מילך צוא מישט און זייא גילאזט אויף זידען האט עס דער נאך אטעם גיהאט וויא שאקאלאדע אביסעל צוקער און גיווערץ האט נאך גיפעלט ער איז פארט זייער צופרידען גיוועזען אז נאט האט איהם גוטע זאכען באשערט.

אזוי באלד זייא האבען נאר דער פיהלט אשטארקען ווינד וואס האט דעם ים אונטער גיבלאזען זיינען זייא שוין אויף זייער קענופע שפאצירען גיגאנגען עפעס נייעס צו זוכען ווייל זייא האבען קיין מורא נישט גיהאט פאר ווילדע מענשען פרעסירס און וויא זייא זיינען גיגאנגען וואנדרעווען האבען זייא שיינעס און נוצליכעס אן גיטראפען זייא האבען עס אהיים גינומען אטייל האבען זיי גיפלאנצט און אטייל האבען זייא רויה פאר זוכט.

נישט אזוא גיך וויא עס רעט זיך איז אויס גיקומען דיא צייט וויא זייא האבען גאנץ זיכער אב גישמועסט צוא שיפען אויף דער קענופע וואו שבת עלטערע זיינען געוועזען, זייא פון דארט אויף דער קענופע ארויף צו נעמען כדי עס זאל זייא הימליכער זיין נאר ווען עס איז דער צוא גיקומען אז זיי זאלען שוין פאהרין איז אלטער לעבען תמיד גיקומען אין קאפ אריין וואס וועסטו טאן אז דיא ווילדע מענטשען פרעסערס וועלין דיך פארט פאר אשונא האלטען

אונ וָועלין דיךְ לֶעבֶּעדִיגֶער הַייט אוֹיף פְרֶעסֶען, עֶר הָאט אויךְ זַיין דַאנָה שבת דֶער צֵיילְט אוּנ שבת הָאט אִים אוֹיס גִירֶעט אונ הָאט זִיךְ גִישְׁוָוארִין אַז זַייא וֶועלֶען אִיהם גָאר נִישְׁט טָאן סוֹף עֶר הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט שבת הָאט בַּייא מִיר גְרוֹיס נֶאֱמָנוּת מִסְתָּמָא אַז עֶר הַייסְט מִיךְ קַיין מוֹרָא נִישְׁט הָאבִּין דַארְף אִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער צוּא טְרַאכְטָען אונ פַאר זִיכֶערְט מָארְגֶען אַרִיבֶּער צוּא פָארִין שבת הָאט גְרוֹיס נַחַת דֶער פוּן גִיהַאט ·

זַייא הָאבֶּען זִיךְ מִיט אַטָאג פְרִיעֶר אַלְץ דִינְג צוּא רֶעכְט גִימַאכְט דָאס שִׁיפֶעל וִוידֶער אוֹיף דֶעם וַואסֶער אַרוֹיס גִישְׁטֶעלְט פַאר נַאכְט הָאבֶּען זֵיי זִיךְ אַלְץ דִינְג אִין גִיגְרֵייט עֶסִין וַוארְג אונ אַנְדֶערֶע זַאכֶען זַייא הָאבִּין זִיךְ דֶער, וַוייל אִיבֶּער נַאכְט שְׁלָאפִין גִילַייגְט כְּדֵי זַייא זָאלֶען אִין דֶער פְרִיה וַוייטֶער אַוֶועק פָאהְרִין, אָבֶּער גָאט הָאט אַנְדֶערְשׁ גֶעוָואלְט ·

קוֹים הָאבִּין בֵּיידֶע נָאר אַהאַלְבֶּע שָׁעָה גִידְרֶעמֶעלְט אונ דָאס אוֹם גִיהַייעֶרֶע דוּנֶערֶען בְּלִיצִין הָאבֶּען אִים צוּם עֶרְשְׁטֶען אוֹיס דֶעם זִיסֶען שְׁלָאף אוֹיף גִיוֶועקְט אַוֶוינְד הָאט גִיוַוייעֶט וִויא אַנִיט גוּטֶער דָאס דוּנֶערֶען הָאט אַיין גִירִיסֶען דָאס בְּלִיצֶען הָאט דִיא אוֹיגֶען פַאר בְּלֶענְדֶעט אונ דֶער ווִינְט הָאט אַזוֹ גִיבְּלָאזֶען אַז עֶס אִיז זִיךְ אַמוֹרָא אָן גִינָאנְגֶען עֶר וֶועקְט שבת אונ רוּפְט אִיהם הֶערְסְט דוּא הֶערְסְט דוּא אונ הָאט אִיהם דֶער וַוייל אוֹיס זַיין שְׁטַארְקֶען שְׁלָאף אוֹיף גִיוֶועקְט לִיבֶּער שַׁבָּת הֶערְסְטוּ וָואס אִין דְרוֹיסֶען טוּט זִיךְ שבת עֶנְטְפֶערְט אִים אוֹיב אִיךְ הֶער גוּט אוֹי וָואס וָואלְטֶען מִיר גִיטָאן אַז עֶס זָאל זִיךְ אוּנְז דָאס טְרֶעפֶען אוֹיף דֶעם יַם אִין מִיטֶען וֶועג וִויא זַייא שְׁמוּעֶסֶען אַזוֹא הָאט עֶס פְלוּצְלוּנְג אַזֶעץ גִינֶעבֶּען וִויא אוֹיס אַהאַרְמַאטֶע אַרוֹיס אונ דִי עֶרְד אִיז אוּנְטֶער זֵיי אוּנְטֶער גִישְׁפְּרוּנְגֶען ·

שבת הָאט זִיךְ גִישְׁפַּארְט דַוְוקָא אַז דָאס קוּמְט פוּן שְׁרֶעקְלִיכֶען דוּנֶער אונ אלטער לעב הָאט זִיךְ שְׁטָאהל אונ אַייזֶען גֶעהֵאלְטֶען אַז כַּאֲשֶׁר דָאס אִיז גִיוֶועזֶען אַשָׁאס אוֹיס אַהאַרְמַאטֶע אַרוֹיס וָואס אִיז אִין דֶער נוֹיט אונ מֶען מוּז זַייא תֵּיכֶּף זֶעהֶען צוּא הֶעלְפֶען עֶר הָאט נִיט גִיקֶענְט אַיין רוּהֶען אונ שְׁפְּרִינְגְט גַאנְץ גִישְׁוִוינְד פוּן דֶעם

גִילֶעגֶער דוּרְךְ דֶער קִיךְ חַאפְּט עֶר אַבְּרַאנְד פַיְיעֶר קְלֶעטֶערְט קוּים אַרוֹיף אוֹיף זַיין שְׁטְרִיק לַייטֶער , שבת הָאט דָאס צוּא גִיזֶעהֶען אוּנ הָאט תֵּיכֶּף אוֹיךְ אַזוֹ גִיטָאן אוּנ הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גִיוואוּסְט צוּא וָואס עֶר טוּט עֶס , בַּיידֶע לוֹיפֶען גִישְׁווִינְד אוֹיף דֶעם בַּארְג אַרוֹיף לַייגֶען אָן אַפִּירְכְטֶערְלֶעךְ פַייעֶר וָואס אִיז זַייא נָאר אִין דֶער הַאנְד אַריין גֶעקוּמֶען הָאבֶּען זַייא גִישְׁמַאק צוּא גֶעטְרָאגֶען אוּנ צוּא גֶעלֵייגְט צוּם פַייעֶר כְּדֵי דִיא וָואס זַיינֶען אוֹיף דֶעם יַם אִין אַנוֹיט זָאלֶען זִיךְ אוֹיס דִיא סַכָּנָה צוּא רַאטֶעוֶוען אוּנ זָאלֶען צוּא קוּמֶען צוּם בָּארְטֶען .

וָואס מֶערֶער זַייא הָאבֶּען אָבֶּער דֶעם פַייעֶר אָן גִילֵייגְט נָאךְ גִיכֶער הָאט דֶער רֶעגֶען עֶס פַאר לָאשִׁין עֶס אִיז אַזוֹ פִינְצְטֶער גִיוָוארִין דֶער רֶעגֶען הָאט אַזוֹ גִיפַּאצְט דֶער דוּנֶער הָאט אַזוֹא גֶעשְׁרִיעֶן אוּנ דֶער בְּלִיץ הָאט אַזוֹ פֶערְכְטֶערְלִיךְ גִיבְּרֶענְט גְלַייךְ וִויא עֶס וָואלְט זַיי פְּלֶעקֶער אוֹיף דִי קֶעפּ גִישְׁלָאגֶען אוּנ אִין מִיטֶען הָאט זִיךְ אִים אַלֶץ גִידַאכְט אַז עֶר הָאט נָאר אוֹיס הֶערְמַאטִים גִישָׁאסֶען עֶר הָאט זִיךְ דִיא גַאנְצֶע נַאכְט נָאר נִיט גִיקֶענְט אוֹיס דֶעם קָאפּ אַרוֹיס שְׁלָאגֶען אוּנ הָאט זִיךְ נָאר אַיין גִירֶעט אַז אַשִׁיף אִיז אָן גִיקוּמֶען אִים אוֹיס צוּא לַייזֶען פוּן זַיין בִּיטֶערֶען גָלוּת עֶר הָאט מִיט וַויינֶעדִיגֶע אוֹיגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶען זַייעֶר גִיבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל יֶענֶע שִׁיף אוֹיס דֶער סַכָּנָה מַצִיל זַיין כְּדֵי עֶר אוּנ שבת זָאלִין בְּשָׁלוֹם קֶענֶען אַהֵיים קוּמֶען .

זַייא זַיינֶען וִויא נָאר טָאג גִילָאפִין צוּם יַם גִיוָואר וֶוערֶען וָואס דִיא נַאכְט הָאט זִיךְ גִיטָאן הָאבֶּען זַייא גִיוָואר גִיוָוארֶען אַז דֶער שְׁטוּרֶעם ווִינְד הָאט זַייא זַייעֶר קְלֵיין שִׁיפֶעל אָב גֶערִיסֶען אוּנ פַאר טְרָאגֶען אַז מֶען הָאט דֶער פוּן קַיין שְׁטִיקֶעל נִישְׁט גִיזֶעהֶען מִיט דֶעם הָאבֶּען זַייא בַּיידֶע אוֹיף אַמָאל זַייעֶר הָאפֶענוּנְג נָאר פַאר לָארִין אַיין מָאל נִיצוֹל צוּא וֶוערֶען .

שבת אִיז גִיבְלִיבֶּען טוֹיט וִויא דִיא וַואנְד פַאר צָרוֹת עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין גִיטְרַאכְט בַּייא זַיינֶע עֶלְטֶערִין צוּא זַיין אוּנ הַיינְט אִיז אִיהם נָאר דִיא וָועלְט אוּנְטֶער גִיגַאנְגֶען עֶר הַייבְּט אָן זַייעֶר בִּיטֶער צוּ וַויינֶען אלטער לעב וָואס הָאט אַלֵיין צָרוֹת אִיבֶּערְצָרוֹת גֶעהַאט

הָאט זִיךְ שׁוֹין גִיוַויינְט אוֹיף יֶענֶעם רַחֲמָנוּת צוּא הָאבֶּען אוּנ מִיט יֶענֶעם מִיט לַיידוּנְג צוּא הָאבֶּען עֶר הָאט נִישְׁט גִיקֶענְט צוּא זֶעהֶען אֵיינֶעם אַיין קְרוּם פָּנִים מַאכֶען עֶר זָאל אִיהם נִישְׁט מִיט אַלֶע מֶעגְלִיכְקַייט הֶעלְפֶען אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר מִיט שבת זַייעֶר גִיוַויינְט אוּנ הָאט אִים גִיטְרַייסְט, שַׁא שַׁא זָאגְט אלטער לעב אִיךְ בֶּעט דִיךְ וֶוער וַוייסְט ווָאס נָאט מַיינְט מִיט אוּנְז וֶוער וַוייסְט דֶען וָואס אוּנְז דַאכְט זִיךְ אַז עֶר טוּט אוּנְז שְׁלֶעכְטְס אוֹיבּ עֶס וֶועט אוּנְז נִישְׁט דִיא גְרֶעסְטֶע טוֹבָה אַרוֹיס קוּמֶען אוּנ שבת אִיז נָאךְ אַלְץ אִין סָפֵק גִיוֶועזֶען.

אלטער לעב זָאגְט וַוייל מִיר בֵּיידֶע זַיינֶען בְּלִינְד אוּנ מִיר קֶענֶען נִישְׁט אַזוֹא וַוייט אִין דֶעם עֶנְטֶערֶעם אַרַיין קוּקֶען טוּזְט דוּא שׁוֹין אוֹיף נָאט רַיידֶען נַיין אִיךְ וַויים אַז מִיר זַיינֶען וְויא דִיא וֶוערֶעמְלֶעךְ פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד וְויא קֶענֶען מִיר זַיין הַיילִיגֶען וִוילֶען ווִיסִין שבת פְרֶעגְט אִיהם וָואס הָאט אוּנְזֶער שִׁיפֶעל פַאר אַשְׁלֶעכְטְס גִיטָאן פַאר וָואס הָאט עֶר עֶס אַוֶועק גִיהַאפְּט אלטער לעב עֶנְטְפֶערְט אִיהם עֶפֶּעס אַנָאט בִּין אִיךְ וְויא קֶען אִיךְ זַיינֶע עֵצוֹת מַחֲשָׁבוֹת צוּא טְרֶעפֶען נָאר דַאכְטֶען דַאכְט זִיךְ מִיר פָארְט עֶנְטְפֶער עֶס הָאט גִיזָאלְט אַיין עֶפּוּשׁ זַיין אוֹיף אוּנְזֶער קֶענְפֶּע פַאר הִיטְץ וָואס מִיר וָואלְטֶען דֶער פוּן גִיקֶענְט שְׁטַארְבֶּען אִיז גֶעקוּמֶען דֶער שְׁטַארְקֶער וִוינְד אוּנ דִיא לוּפְט גִירַיינִיגְט מִיר מוּזֶען זָאגֶען גִילוֹיבְּט אִיז נָאט פַאר דֶעם וָואס עֶר שִׁיקְט פַאר אַיין אוֹיסְפַאל דֶעם מֶענְטְשֶׁען צוּא אִיז אִיהם אַלְץ צוּא נוּטְצֶען אִיךְ וַויים דִיר נִישְׁט מֶעהר צוּא זָאגֶען נָאר אַזוֹא וָואס נָאט טוּט אוּנ וְויא עֶר פִירְט אִיז אַלְץ רֶעכְט, שבת הָאט: תֵּיכֶף חֲרָטָה גִיהַאט אוּנ אִיז מוֹדֶה אַז עֶר אִיז אַגְרוֹיסֶער חוֹטֵא קֶענֶען נָאט אוּנ נֶעמְט אוֹיף זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט מֶער זִיךְ צוּא אוּנְטֶערְשְׁטֵיין עֶפֶּעס צוּא רֵיידִין הַלְוַאי אַלֶע זִינְדִיגֶע זָאלֶען צוּא דֶעם שֵׂכֶל גִיךְ אוּנ בַּאלְד בַּאקוּמֶען.

אלטער לעב הָאט אָבֶּער נִיט גִיקֶענְט רוּהֶען עֶר אִיז אַרוּם גִילָאפִין אִין אַלֶע זַייטֶען עֶר הָאט פוּן וַוייטֶענְס אַגְרוֹיסֶע שִׁיף דֶער זֶעהֶען עֶר שְׁרַייט שבת שבת קוּם נָאר גִישְׁוִוינְד אָט אִיז דָא אַשִׁיף מִיר

וָוערָען שוֹין דָער לַייזְט אוּנ אִין לוֹיפֶען הָאט שבת גִיחַאפְּט דָאס כְּלֵי זַיְין אוּנ לוֹיפְט אִים נָאךְ צְוַוייא מַייל זַיינֶען זַייא גֶעלָאפֶען בִּיז זַייא הָאבֶּען דִיא גְרוֹיסֶע שִׁיף דָער זָעהֶען אלטער לעב וַוייסְט גָאר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טָאן פַאר שִׂמְחָה עֶר שְׁרַייט זַייעָר הוֹיךְ אָבֶּער אוּמְזָאנְסְט מֶעהֶערְט נִישְׁט אוּנ מֶען זָעט קַיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דֶער שִׁיף עֶר מִיט שבת מַאכִין אַגְרוֹיס פַייעָר כְּדֵי דִיא שִׁיפְסְלַייט זָאלֶען זָעהֶען אוּנ זִיךְ בַּאוַוייזֶען אָבֶּער אוֹיךְ אוּמְזָאנְסְט מֶען הָאט קַיינֶעם נִישְׁט גֶעזָעהֶען ·

שבת חַאפְּט אַגְרִינֶע צְוַוייג אִין דָער הַאנְד וַוייל דָאס גְרִינֶע אִיז אַסִימָן פוּן שָׁלוֹם אוּנ שְׁפְּרִינְגְט אִין יַם אַרַיין אוּנ שְׁווִימְט צוּא צוּם שִׁיף עֶר דְרַייט זִיךְ אַרוּם דֶער שִׁיף בִּיז עֶר הָאט גֶעפוּנֶען דִיא שִׁיפְסְלַייטֶער אוּנ קְרִיכְט אַרוֹיף קוֹים אִיז עֶר אִין דֶער שִׁיף אַרַיין גִיקוּמֶען אִיז פַאר אִים גִישְׁטַאנֶען אַלֶעבֶּעדִיגֶע בַּאשֶׁעפֶענֶעשׁ שְׁוַוארְץ וִויא עֶר אוֹיף פִיר פִים מִיט לַאנְגֶע הָאר אוּנ פַייעָרִיגֶע אוֹיגֶען אוּנ בִּילְט אוֹיף אִים גָאר צוּם צוּא טְרָאגֶען ·

פַאר דֶער שְׁרֶעק אִיז שבת שְׁטֵיין גִיבְּלִיבֶּען אוּנ זִיא הָאט אִים גִילֶעקְט גִיקוּשְׁט דֶער וַוייל בַּאקוּמְט עֶר אַשְׁטוּים מִיט אַהָאלְץ אַז עֶר אִיז פַאר מוֹרָא אוּמְגִיפַאלֶען עֶר קוּקְט זִיךְ אוּם שְׁטֵייט הִינְטֶער אִיהם וִוידֶער אַבַּאשֶׁעפֶענֶעשׁ מִיט פִיר הוֹיכֶע פִים אַגְרוֹיסֶע בָּארְד אוּנ גְרוֹיסֶע הֶערְנֶער עֶר הָאט זִיךְ נִיט גִימְרוֹיעֶט אִים אָן צוּ קוּקֶען אוּנ שְׁפְּרִינְגְט וִוידֶער אִין יַם אַרַיין צוּרִיק צוּ שְׁווִימֶען דָאס שְׁוַוארְצֶע שְׁווִימְט אִיהם נָאךְ שבת הָאט גִימֵיינְט אַז עֶס וִויל אִים לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט אַיינְשְׁלִינְגֶען עֶר הָאט זִיךְ נָאר נִישְׁט אוּמְגִיקוּקְט אוּנ נָאר גִישְׁווּאוּמֶען וִויא עֶר אִיז צוּרִיק גִיקוּמֶען אִיז עֶר פַאר אלטער לעבם פִים אַנִידֶער גִיפַאלֶען נִיט טוֹיט אוּנ נִיט לֶעבֶּעדִיג ·

אלטער לעב מוּטְשֶׁעט אִיהם בִּיז עֶר אִיז וִוידֶער צוּא זִיךְ גִיקוּמֶען אוּנ וִויא עֶר הָאט אִים דָער צֵיילְט הָאט עֶר אִיהם אוֹיס גִידֶעט אוּנ הָאט אִיהם גִיזָאגְט אַז דֶער שְׁוַוארְצֶער הֵייסְט הוּנְט אוּנ אַז עֶר אִיז זֵייעָר גִיטְרַייא פַאר אַשְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט וָואס מֶען גִיט אִיהם דָאס אַנְדֶערֶע מוּז זַיין אַזָכָר פוּן דֶער צִיג וואו זַיינֶען דִיא

מענטשען אויף דער שיף שבת ענטפערט עס איז קיינער דארט נישט
דא האט ער גיקלערט אונ איז דרויף געפאלען אז אין דער גרויס
סכנה אין מיטין דער נאכט האבען דיא מענטשען זיך גימוזט וועלין
מציל זיין ווער ווייסט וואו זיי זיינען אהין גיקומען אונ די שיף האט
גימוזט דא אהער פאר שלאגען ווערען .

אלטער לעב זאגט צוא לעבען יענע מענטשען צוא נישט
קודם מוזען מיר מציל זיין וואס אויף דער שיף איז פאר האנדען
זייא האבין זיך גינומען צוא דער ארבייט אונ האבען זיך אפראם
צו זאמען געשלאגען ביז עס איז פארטיג גיווארען איז שבת אהין
גישוואומען אונ האט אלערלייא כלים אריבער גיבראכט ביז אין
דער זינקענדיגער נאכט האבען זייא געפאך געארבייט אונ וייל עס
האט זייא פאר מידינקייט זייער גישלעפערט האבין זייא ערינסט
גילייענט קריאת שמע אונ זיך צו מזל גילייגט שלאפען אגוטע
נאכט אלע דיא וואס ארבייטען פלייסיג .

זייא קומען אויף דער גרויסער שיף אונ באקומען פולווער
שראט קאלען ביקסען שווערדען קליידער זייא ווערען מיכנערם
אונ קאוועלעס .

גאנץ פריה האט זיך אלטער לעב אויף געהאפט וועקט זיין
פריינד שבת אוים דעם שלאף האט קוים דיא זוהן אן גיהויבען אויף
צו גיין קום ברודער מיר מוזען שוין אונזער ארבייט פאר פארטיגען
דעם גאנצין טאג האבין זייא זיך נישט אמאל אב גירוהט אונ ביז
נאכט זיינען זייא מיט דעם פראם פארטיג גיווארען זייא האבען
קלעצער געדיכט צו אנאנד גישלאגען אונ מיט ווערבעס צווייגען
אזוי פעסט צו אנאנד גיבונדען אז זייא האבען זיכער דרויף גיקענט
שיפען אונ אזוי ברייט האבען זייא דעם פראם גימאכט אונ אויף
זיך גינומען וויא באלד עס וועט מארגען אשיינער טאג זיין זאלען
זייא ביידע זיך צו דער שיף אריבער חאפין דעם אנדערען טאג
זאמען זייא זיך גאר נישט אונ זעטצין זיך אויף דעם פראם אונ אין
איין האלבער שעה זיינען זייא שוין דארט אויף דעם רעכטען
ארט גיוועזען .

צווייטער טהייל היינט

היינט שטעלט אייך נאר פאר דיא גרויסע שמחה וואס אלטער לעב האט גיהאט פון דער גרויסער שיף פון דיא זאכען וואס ער האט גיזעהען אונ גיפונען פאר גרויס שמחה האט ער אליין נישט גיוואוסט צו וואס ער זאל זיך פריער נעמען געגנוג ער האט גיזעהען אז אין אייראפא איז דיא שיף געמאכט גיווארען אונ דיא זאכען וואס אויף דער שיף איז דא זיינען פון דעם לאנד וואו ער איז גיבארען גיווארען גישווינד האט ער אונטער גיזוכט אויב ער וועט נישט קענען מיט דער שיף קיין איירפא שיפען אבער ניין וויל דיא שיף איז אזוי צווישען דיא פעלזען איין גיקלעמט גיוועזען אז עס איז אום מעגליך גיוועזען זיא צוא ריהרען אהין אדער אהער איבער דעם האט ער זיך ליבער מיישב גיוועזען וואס ער וועט קענען זאל ער אויף דעם פראם ארויף לייגען אונ מציל זיין וואס מעגליך וועט זיין.

אכצעהען מאהל זיינען זייא אהין אונ אהער מיט דעם פראם גיפארען אונ אלע מאל האבען זייא זייער פיהל נוצליכע זאכען מיט גיבראכט וואס זייא האבען זיך נאר בארעכענט אז עס קען זייא צוא ניטץ קומען האבען זייא אלץ דינג מיט גינומען אחדוש איז עס גיוועזען וויא שבת איז ווידער פאר דער שרעקענעש שיר אומגעפאלען וויל ער האט ווידער דער זעהען דיא חיה מיט דיא הערנער אונ אבאק מיט לאנגע האר דער באק איז נעבאך גילעגען אוים נישטרעקט אויף אלע פיהר, דען פון דרייא טאג האט אים קיינער נישט גינעבען וואס ער האט בעדארפט אלטער לעב האט איהם הונדערט מאהל גיזאגט אז דאס איז בייא אונז נאר אשפילכען אונ אז עס איז אליבליך באשעפענעש אונ שבת האט פארט גאר נישט גיקענט איין אויג פון אים אפ לאזען אונ האט אין איין שטיק זיך אלץ פאר וואונדערט אויף דער שיינקייט פון דער חיה.

צום אלעם ערשטען האט ער זיך גינומען עטליכע ביכער פאפירען טינט פעגעס ער האט גימיינט ער וועט עפעס קענען דורך לייענען זיין נשמה נאך מעהר פאר בעסערען וויל ער האט תמיד גיהערט אז נאר דורך פיל לייענען אין ספרים ווערט מען זייער

בַּאקֶענְט אִין כָּל אִינְטֶערֶעסֶען אוֹיף דֶער וָועלְט וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאט עֶר אַלְץ אוֹיף דֶעם פְּרָאם אַרוֹיף גִילֵייגְט אוּנ אַרִיבֶּער גִישְׁלֶעפְּט גַאנְצֶע פֶּעסֶער פּוּלְוֶוער אוּנ שְׁרָאט רֵייז צוּקֶער קַאוֶוע לִימִינֶעס מַאראַנְצִין סֶערְדֶעלֶען הֶערִינְג אוּנ אַלֶערְלֵייא בַּאקֶעלֵייֶעם טֶעלֶער לֶעפֶעל מֶעסֶער גָאפֶּעל שִׁיסֶעל פַאנֶען בְּרֶעטֶער שְׁפִּיז שֶׁערֶען נָאדְלֶען אַלֶערְלֵייא פָּאדֶעם, שבת שְׁטֵייט אוּנ קוּקְט וָואס קוּמְט דָאס אַלְץ צוּא נִיטְץ דֶער נָאךְ הָאט אִיהם אלטער לעב אַלְץ דִינְג צוּ פַאר שְׁטֵיין גִינֶעבִּין ׃

אוֹיף דֶעם בָּאק הָאט אלטער לעב רַחֲמָנוֹת גֶעהַאט אוּנ אִיהם מִיט גֶענוּמֶען חָאטְשֶׁע עֶר הָאט דָאס אָרְט נִידַארְפְט אוֹיף עֶפֶּעס גֵייטִיגֶערֶם נָאר אַזוֹי אִיז אַגוּטֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶע לֶעבֶּעדִיגֶע בַּאשֶׁעפֶּענִישֶׁען זַיינֶען פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶען בֶּעשַׁאפֶען גִיוָוארֶען אוּנ אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר אוֹיף אַלֶעם גְרוֹיס רַחֲמָנוֹת גִיהַאט אוּנ הָאט אִיהם בַּיים לֶעבֶּען דֶער הַאלְטֶען, דֶער קֶענֶען הָאט עֶר גֶעלָאזְט לִיגֶען טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער גֶעלְד גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער אוּנְזֶערֶע מֶענְטְשֶׁען וָואלְטִין זִיךְ צוּם עֶרְסְטֶען צוּא דֶעם גִינוּמֶען אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גָאר נִישְׁט גִיוָואלְט אוּם קוּקֶען דְרוֹיף עֶר הָאט לִיבֶּער מִיט גִינוּמֶען הַארְמַאטֶען בִּיקְסֶען פִּיסְטוֹילֶען שְׁוֶוערְד הֶעמְדֶער קְלֵיידֶער שְׁטוּלֶען טִישׁ בֵּיינְק קָארֶען וֵוייטְץ פּוּטֶער מֶעל קוֹרְץ אַלְץ וָואס נָאר וָואס צוּם מוֹיל הָאט גִיטוֹיגְט אוּנ צוּם לַייב צוּא צוּא דֶעקֶען הָאט עֶר גִינוּמֶען הֶעק זֶעגִין נֶעגֶעל שִׁינְדֶלֶען בְּרֶעטֶער עֶר הָאט דִיא גְרוֹיסֶע שִׁיף אַלֵיין צוּ גִינוּמֶען אוּנ דִיא בְּרֶעטֶער זִיךְ אִיבֶּער גֶעפִיהְרְט אוּנ צוּם עֶרְשְׁטֶען מָאהל הָאט אלטער לעב וִוידֶער גִינֶעסֶען אוּנ גִישְׁלָאפֶען וְוִיא אַיין מֶענְטְשׁ שבת הָאט דָאס זִינְט עֶר לֶעבְּט פַאר זִיךְ נִישְׁט גִיזֶעהֶען הָאט נָאר גֶעקוּקְט וִויא אלטער לעב הָאט גִינֶעסֶען הָאט שַׁבָּת נִישְׁט גִיוואוּסְט וְוִיא אַזוֹ נָאךְ צוּא טָאן אוּנ הָאט דֶעם גָאפֶּעל צוּם אוֹיעֶר גִיטְרָאגֶען אלטער לעב הָאט זֵייעֶר גֶעלַאכְט נָאר עֶר הָאט זִיךְ וִוידֶער תֵּיכֶּף אִיבֶּער גִילֵייגְט מֶען טָאר אוּים קֵיינֶעם נִישְׁט לַאכֶען אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר זִיךְ דִיא מִיה גִינוּמֶען אוּנ שבת אוּים גִילֶערִינְט וָואס

ער האט צוא טאן וויא אזוי ער זאל עסען אונ וויא ער זאל שלאפען אין אבעט זייא שלאפען אן גיארבעטערהייט זייער גישמאק אונ שטייען אין דער פריה אויף, נאך דעם דאווענען האט אלטער לעב גאט גידאנקט פאר זיינע נייע חסדים וואס ער האט איהם צוא געשיקט.

זייא נעמען גישווינד זייערע אלע זאכען אונ בעהאלטען זייא אונטער צווייגען כדי דער רעגען זאל זייא נישט פאר דארבען נעמען דעם שלייף שטיין אונ שארפען זיך אויס אלע כלים, וויא זייא איבער טראגען זיך אזוי אלץ דינג אונ מאכען זיך איין ארדענונג דער מאנט זיך אלטער לעב אז ער האט ביז אהער נאר זיך אין זינען געהאט אונ אלץ דינג וואס ער האט באדארפט פון יענעמס וועגען צוא טאן האט ער נאר פאר געסען ער האט זיך אליין שיר גישט אויף גיגעסען פאר צרות אונ רופט געשווינד שבת אונ זאגט איהם אז זייא מוזען צוא ריק פאהרען נאך אמאהל נאך דעם גאלד זילבער טייערע שטיינער.

שבת איז פון אייביג שוין גיוואוינט גיווארען זיין אלטער לעבען צוא פאלגען אונ גאר קיין שום שאלה נישט איבער צוא פרעגען אזוי האט ער זיך תיכף גינומען צום פראם אונ צוא רעכט גימאכט ער האט גאר נישט גיקוקט דרויף צו וועט קומען אשטורעם ווינד אונ וועט זייא איבער קעהרען צו ניט אלטער לעב האט זיך אלץ אין קאפ אריין גישלאגען וואס פאר אתירוץ וועל איך האבען פאר גאט אונ פאר לייט אז דער שיף מייסטער וועט אמאל צוא מיר קומען אונ מיך פרעגען וואס דוא האסט דיר גינומען אלץ דינג וואס דיר האט גינוצט פאר וואס האסטו נישט גינומען פון מיינעט וועגען אויך עפעס וויא האט מען נישט קיין שכל אז עס קען מעגליך זיין אז דעם וואס אלץ דינג גיהער קען איין מאהל קומען אונ דאס געלד גאלד זילבער נייטיג באדארפען ער קען זיך דער מיט איין אנדער שיף קויפען אונ ווידער צוא זיין ווייב אונ קינד קומען אזוי האט ער זיך נעבאך אליין פיהר גיווארפען אז ער זאל צוא זעהען פרעמדע פראצע זאל צום גרונד גיין.

זייא פאהרען אונ קומען בשלום אהין אונ צוא ריק וועגס קומען זייא אין איין גרויסע סכנה אריין גאר איבער צוא קעהרען זיך אין ים אריין צו פאלען אז זייא זיינען הינטען געשטאנען אונ דאס וואסער האט דעם פראם באלד אב געטראגען האבען זייא דיא וואנע דער האלטען אונ גאט האט גיהאלפען אז זיי זיינען אין גרויס דער שרעקענעש פארט צום בארטען צוא גיקומען איצונד האט זיך אלטער לעב זייער גיפרייט ליידער וואלט ער אשטיין פון הארץ אראפ גיפאטערט אזוי שווערהר איז עס איהם גילעגען אויף דעם הארץ ביז ער האט שוין דאס פון יענעמס וועגען אויך גיטאן ווארום ער האט דאס אליץ דינג נישט געדארפט פון זיינעט וועגען ·

שבת לעב דער שרעקט זיך פאר אשאס אויס אביקס עס איז איין חן גיוועזען וויא ער האט גאר נישט גיוואוסט אויף וואס פאר אוועלט ער איז ווארום אלטער לעב וויא ער האט זיך דא אבגעפארעט האט ער זיך דיא שענסטע קליידער וויא איין איינגילשער אפיצער אן ניטאן שטיוועלעך מיט גילדענע פראנזען אהוט מיט ברייטע טרעסטען אזילבערנעם נארטעל מיט זייער אשיינע שווערד אונ גייט קאראזירט אונ שיכט אויס אנילאדענער ביקס, שבת פאלט אנידער פאר איהם אויף דיא קניעס ווארום ער האט גימיינט אז עס איז עפעס איין איבער גיפאלענער וויל ער האט נאך זינט ער לעבט ניט גיזעהען איין מענטש אין זעלכע קליידער ער האט זיך ווידער דער מאנט אן זיין אב גאט וואס מאכט דעם דונער אונ האט גימיינט אז ער האט זיך איהם באוויזען קורץ אלטער לאכט זייער אויס אים אונ האט אים ערשט דורך זיין קול גיקענט באוויזען אז ער איז עס, זיין גוטער פריינד אלטער לעב אונ האט איהם צוא פאר שטיין גיגעבען אז אין דיא לענדער וויא דיא מענטשען זיינען נישט ווילד, גייט מען אזו אן געטאן אונ אז דאס כלי זיין האבען מענטשען אויס גיטראכט כדי זייא זאלין זיך קענען אב וועהרען פאר ווילדע חיות אונ פאר דעם שונא ·

נאך אשענער שפיציל האט אלטער לעב איהם אפ גיטאן ער האט גילאדין אהארמאטע אונ האט מיט אלענטע דאס הייסט דיא פון

בזימזואל גידרייטע שטריק וואס ברענען תמיד אין דער מלחמה אונ מיט זייא צינד מען אן דיא הארמאטים ער האט אויך אזו גיטאן אונ האט דיא הארמאטע גילאדען מיט שווערע קילען אונ זיא גענריכט קעגען דעם ים חאטשע שבת האט דאך אים פאר זיך גיזעהען אז ער טוט אליין אלסדינג צום סוף וויא ער האט דעם גרויסען קול דערהערט אונ דאס פייער פון דעם פרוסעק אונ דיא קויל גיזעהען פליהען אויף דעם ים זייער ווייט האט ער ווידער גימיינט אז ער איז עפעס מעהר וויא אמענטש אונ פאר איהם אנידער גיפאלען אונ האט גיציטערט אין אלע גלידער קוים מיט לייד אונ מיט צרות ער האט איהם ווידער אויס גירעט אז ער איז אפראסטער מענטש וויא ער, אונ דאס האבין נאר מענטשען מיט זייערע הענד גימאכט אונ אז זיין כוונה איז נישט איינעם טויט צוא שיסען נאר אז ער וועט אמאהל זעהען אז דיא ווילדע מענטשען וועלין ווידער צוא זיין קענפע צוא קומען וועט ער אזא הארמאטע אויס שיסען אונ פאר דער שרעקעניש וועלין זייא מוזין ווידער צו ריק אנטלויפען שבת האט זיך גילאזט אויס ריידע אונ איז ווידער אביסעל צוא זיך גיקומען אונ ווידער אן גיהויבע מיט אלטער לעב פריינדליך צוא זיין, אלע זאכען וואס אלטער לעב האט אים גיוויזען וואס מענטשען האבין מיט זייער שכל דער קלערי אונ וויא נוצליך זייא זיינען האבין איהם אזוי גיפעלען אז ער הא זיך מיט זייא געשפילט אונ האט זיך פאר וואונדערט אויף דע גרויסען שכל וואס גאט האט דעם מענטשען געשיינקט אונ הא בפירוש מודה גיוועזען אז מענטשען וואס זיינען אהן חכמות אד מלאכות אהן מעלות אהן מדות זיינען קעגען דיא איבעריגע מענטשען פראסטע בהמות אונ הייסען ווילדע מענטשען וואס זיינען נאך טויזענד מאהל ערגער וויא דיא חיות רעות.

דער נאך איז ער גאר אויס גינאנגען וויא ער האט גיזעהען אז בייא נאכט וויא עס איז אזוי פינסטער געווארען אז איין מענטש האט דעם אנדערען נישט גיזעהען האט אלטער לעב גענומען אנלעזעל מיט וואסער אונ אביסעל בוים אייל אדער אליכט אין אלאמטערנע אריין גישטעלט אונ דאס האט אזו גיליכט וויא איין

שטערין אין הימעל אלטער לעב האט איהם געמוזט וויא וייט ער האט אליין פארשטאנען צו פאר שטיין געבען וואס דאס איז .

איי האט זיך אלטער לעב ביי דיא האר גיריסען אונ זיך קאפ אן דער וואנד גישלאגען וייל ער האט אלע כתבים אונ גידרוקטע ספרים אונ ביכער דורך גיבלעטערט כדי ער זאל קענען וויסען ווער דיא שיף איז חעמען זיא גיהער אונ וואו זיא איז גינאנגען אונ האט גאר נישט פאר שטאנען וייל ער האט קיין שום לשון נית פאר שטאנען מעהרסטינס זיינען דיא פאפירען גיוועזען איינגעלש פראנצייזיש לאטייניש אונ דייטש אונ דיא ספרים האט ער אויך נישט גרונטליך גיקענט פאר שטיין וייל ער האט קיין מאהל נישט גרונטליך צום תכלית עפעס גילערינט ער האט פאר זיך אותיות גיזעהען אונ דעם גידאנקען וואס עס שטייט גישריבען אדער גידרוקט האט ער נישט גיקענט ארויס בריינגען גיוויינט האט ער בדמעות שליש ער האט גישריען וייא צו מיר אויף מיינע יונגע יאהר וואס איך האב מיין צייט אין לידען פארבראכט וויא ער האט זיך דיא טרערין גיוויסט האט ער גיפונען אבריף וואס ער האט אים גיקענט איבער לעזען אונ דארטען איז גישריבען וויא דער סוחר פון דער שיף שרייבט צו זיינעם אשותף אין אינדיע וועגין שקלאפין האנדלונג ווייל דארט איז אגרויסער שקלאפע האנדיל גיוועזען דאס הייסט מענטשען האבען זיך אויס מענטשען אמשא ומתן גימאכט ווארום די עלסטע האפין דארט מענטשין אויף , מענער פאר קויפען זייערע ווייבער אונ פאטערס זייערע אייגענע קינדער אונ פירען זייא אויפען מארק פאר געלד וויא דיא בהמות מיט אמאהל פאר קויפען זייא אגאנצע מחנה מענטשען וויא אטשערדע שאף אונ מעטרייבט זייא וויא די ארעמע בהמות נאר אן רחמנות עס האפט אן ויינען אויף זיי קוקענדיג נאקעט אונ בארוועס הונגעריג אונ שלעפערדיג אן רוה אונ אין דארשט טרייבט מען זיי נעבעך אונ דער וואס קויפט זייא פאר געלט ארבייט מיט זייא נאר עבודת הפרך דאס הייסט זייא ארבייטען איביג זייער ביטער אונ שווער דער פאר קויפטער קנעכט הייסט שקלאף דאס הייסט אז ער האט זיין גאנץ פרייהייט פון דער

וועלט אויף אייביג פאר לארען אונ ער טאר זיך אפילו נישט זאלעווען פאר קיינעם ווייל ער האט גאר אויף געהערט אונ דאס רעכט פאר לארען מענטש צוא זיין ·

אזוי ווייא מיר מיינע יארען , ביטער איז מיר אונ פינסטער איז מיין לעבען וואס פאר איין אומרעכט דאס איז אז מענטשען זאלין מיט זייערע ברידער אזוא אומגיין אזוא האט ער גישריען ער רופט שבת זעהסטוא וואס ווילדע מענטשען קענען נאך נישט אז גאט איז גירעכט אונ זיין משפט איז גירעכט הונדערט אזעלכע ארעמע שקלאפען זיינען אויף דער שיף גיוועזען גאט האט בודאי דעם שיפער וואס ער האט אצונד הונדערט אזעלכע שקלאפען געפירט אין אייזערנע קייטען אונ האט זיי נעבעך דער נעהרט נאר מיט סאלמאהע גלייך ווייא זיי וואלטין רוצחים גזלנים גיוועזין וועט ווייסט אויב גאט האט נישט גישיקט דעם שטורעם ווינד אונ האט גילאזט די שיף צו גרונד גיין כדי דער גילדענער סוחר זאל אומקומען אונ דיא ארעמע שקלאפען זאלין זיך נעבעך ראטעווען זייער לעבין אונ בייא זייער פרייהייט בלייבען זעהסטו אז מעטאר אויף זיין ליבען נאמען נאר קיין קשיא נישט פרעגען ·

אין דעם זיינען זייא צום לעצטען מאל נאך צום גרויסען שיף גיפארין אויף דעם פראם זייא זאלען נאך מער נוצליבע זאכען מציל זיין אבער נאך איידער זיי זיינען אוועק גיפארען איז דער הימעל זייער פינסטער גיווארען דונערין אונ בליטצען אונ גרויס גיראש האבען נאר נישט אויפגיהערט דער ווינד האט אזוא גיריסען אז דער פראם איז אויף שטיק שטיקלעך צו פליינען גיווארען אלטער לעב איז איינגיזונקען גיווארין אין ים אריין אונ שבת דער גיטרייער שבת האט איהם נישט אב גיטרעטען ער האט זיך גיקענט גאר לייכט ביים לעבען דער האלטען ווייל ער איז גישוואומען אויף אברעט פון פראם נאר ווייל זיין אלטער לעב איז אין איין סכנה געוועזין גאר אונטער צוא גיין אויף טויט האט ער זיך זיין לעבען איין גישטעלט אונ מיט אלע כוחות גיארבייט אונ האט דאס ברעט פאר לאזט אונ אלטער לעבען נאך גישפרונגען ביז צום גרונד פון

ם אונ האט איהם נאך פיל יגיעות בייא דיא האר דער טאפט אונ ארויף גישוואומען קוים אז ער האט אים גאנץ טויט צום בארטען ארויס געבראכט.

שבת האט זיך אין קאפ אריין גישלאגין ווייל ער האט גיזעהען אלטער לעב באלד טויט ליגען ער האט אים גישאקעלט די פינגער גישטאכען גיווארימט אונ גיריסין אז ער זאל זיך דער מינטערען אומזיסט ער איז גילעגען וויא טויט קורץ ער האט קיין אנדערע ברירה נישט גיהאט ער האט גיוויינט גישריען גיאמערט אונ גיקלאגט ער האט זיך גילייגט לעבין איהם אונ האט מיט זיין אטעם אויף אים אזוי שטארק גיבלאזען ביז ער האט צום סוף דאס נחת גיהאט צו זעהען אז אלבער לעב הייבט זיך ווידער אן צו רירין געטאנצט אונ גישפרונגען איז ער פאר תענוג אז ער האט גיזעהען אז ער מאכט ווידער דיא אויגען אויף גאט האט אים שכל איין גיגעבען ער איז גישווינד גילאפין אונ גיבראכט וויין אלערליי שארפע שפירטעס אונ האט אים אזוא לאנג דיא הענד דאס הארץ אונ דעם פנים דער מיט גיוואשין ביז ער האט איהם גאנץ דער מינטערט.

וואו בין איך פרעגט אלטער אונ שבת טאנצט אים אנטקעגען בייא דיין גיטרייען שבת, פארכט דיך נישט איך וואלט ליבער מיט דיר אום גיקומען איידער איך וואלט גיוועזען דיך פאר לאזט גלויב מיר חאטשע איך בין אווילדער מענטש גיוועזען אבער דיינע גוטע מדות אונ מענטשען ליב שאפט וואס דו האסט מיך גילערינט וועלין אייביג בלייבען אויף גיצייכינט אין מיין גיטרייא הארץ וויא אלטער לעב האט זיך שוין גיקענט אויף זעצען אונ ריידען האט ער פריער גאט אשבח אב גיגעבען פאר דעם וואס ער האט איהם אזא פריינד אזא גיטרייען פריינד צוא גישיקט אונ דער נאך האט ער זיך נישט גיקענט אויף האלטען שבת אויך מיט דעם גאנצען הארץ צוא דאנקען אונ זאגט צוא איהם שבת לעב איך דאנק דיר טויזינד מאל איך מוז דיר זאגען דיין שבח אין די אויגין אריין איך וויים נישט אויב אונזערם אמענטש וואס רעט זיך איין אז ער איז נישט ווילד אונ איז טאקע גיפארען גיווארין אויס דער תורה ארויס

מָענְטְשִׁין לִיבּ צוּא הָאבִּין אוּנ יָענָעם צוּא אוּנְטָער שְׁטִיצִין אוּנ צוּא הָעלְפָּען אוֹיס דָער נוֹיט אוֹיבּ עָר וָואלְט דָאס גִיטָאן וָואס דוּ , הָער מִיךְ , אִיךְ מוּז דִיר דָא זִינְגָען וִויא מֶענְטְשָׁען זַייגֶען זִיךְ אִין נָאטְס וָוערְטָער טוֹעֶה אוּנ אִיטְלִיכָער מַאכְט זִיךְ גָאר נִישְׁט דְרוֹיס דָעם נוֹיט בַּאדַערְפְטִינָען צוּא הָעלְפֶען וַוייל עָר מֵיינְט אַז עָר הָאט נָאר זִיךְ אַלֵיין לִיבּ אִיז שׁוֹין גִינוּג עָר זִינְגְט מִיט אַיְאמֶערְלִיךְ קוֹל •

וֶוער עֶס קֶען דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה :
אוּנ הָאט בֶּאֱמֶת פַּאר גָאט מוֹרָא :
וֵוייסְט דָאס טַייעֶרֶע הֵיילִיגֶע וָוארְט :
דָאס עֶס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבֶּען דָארְט :
הָאבּ לִיבּ דַיין חָבֵר אַזוֹא וִויא דִיךְ :
דָאס אִיז דֶער עִיקָר דָאס בַּאפֶעל אִיךְ :
אוּנ פוּן דֶעם אֵיינֶעם הֵיילִיגֶען כְּלַל :
וֶוערִין נִצְמַח מִצְוֹת גָאר אַשְׁלַל :
זָאג וִויא זִים טוּט דֶער כְּלַל שְׁמֶעקֶען :
אִין אִים טוּט דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה שְׁטֶעקֶען :

אַזוֹא הָאט עֶר עֶרִינְסְט גִיזוּנְגֶען אַז עֶס אִיז שַׁבָּת דוּרְךְ אוּנ דוּרְךְ דֶעם נַאנְצֶען לַייבּ גִינַאנְגֶען עָר לֵיינְט זִיךְ צוּם עֶרְשְׁטֶען מָאל וִידֶער וִויא אַמֶענְטְשׁ אוֹיף אַבֶּעט מִיט בֶּעט גִיוַואנְד אוּנ דָער שְׁלָאף הָאט אִים אַזוֹא וואוֹל גִיטָאן אַז עֶר אִיז וִידֶער פְּרִיה אוֹיף גִישְׁטַאנֶען פְּרִישׁ אוּנ נֶעזוּנְד •

נָאךְ הָאט אַלְץ דֶער פֶּערְכְטְלִיכָער שְׁטוּרֶעם וִוינְד דִיא וָועלְט אַיין גֶערִיסֶען אוּנ עֶס הָאט אִים זַייעֶר וַוייא גֶעטָאן וִויא עֶר אִיז צוּא גִיקוּמֶען צוּם בָּארְטֶען אוּנ עֶר הָאט דָער זֶעהֶען אַז דִיא גְרוֹיסֶע שִׁיף אִיז שׁוֹין גָאר אוֹיף שְׁטִיקֶער צוּא פַאלֶען נָאר עֶטְלִיכֶע בְּרֶעטָער הָאבֶּען נָאךְ אוֹיף דֶעם יַם אַרוּם גִישְׁוואוּמֶען וִויא הָאט דָאס אִיהם גִיפְרֵייט וָואס עֶר הָאט דִיא טַייעֶרְסְטֶע אוּנ נוּצְלִיכֶע זַאכֶען פוּן דֶער שִׁיף בַּאצַייטִינְס מַצִיל גִיוֶועזֶען •

פְרִיעֶר הָאבִּין זַייא אַלְסְדִינְג אוֹיף גִירַאמְט אוּנ וַוייל עֶס אִיז זַייעֶר אֵיינְג גִיוֶועןָ אִין דֶער דִירָה אַזוֹא פִּיל זַאכֶען אוּנְטֶערֶען דַאךְ אוּנ פַאךְ צוּ בְּרֵיינְגֶען הָאבִּין זַייא זִיךְ גִימוּזְט אַנִיצֶעלְט אוֹיף שְׁלָאגִין אלטער לעבּ הָאט גָאר נִישְׁט גִיוואוּסְט וֶועלְכֶעס עֶר זָאל פְּרִיעֶר טָאן אַזוֹא פִּיל הָאט עֶר צוּא טָאן גִיהַאט מִיט דִיא זַאכֶען וַוייל עֶר הָאט אָבֶער תָּמִיד לִיבּ גִיהַאט אַלְץ בְּתַכְלִית אָבּ גִימָאכְטֶען אָפּ נֶעוואוּיגֶען צוּא טָאן אִיטְלִיכֶעם פִּיצֶעלֶע אִין זַיין צַייט הָאט עֶר זִיךְ אִצוּנְד דִיא אַרְבַּייט אוֹיךְ אַיין גִיטֵיילְט פְּלוּצְלוּנְג אִיז אלטער לעבּ אַטְשֶׁעשְׁלֶער גֶעוואָרֶען עֶר הָאט זִיךְ אַקוּנְצְלִיכֶע שַׁאפֶע גִימַאכְט עֶר הָאט. אַמָאהל צוּא אַלֶעם אִין דֶער וֶועלְט גִיטוּיגְט וָואס זַיין אוּיג הָאט נָאר גִיזֶעהֶען הָאט עֶר נָאךְ גִימַאכְט אוּנ דֶער שֵׂכֶל הָאט בַּייא אִים גִישְׁפִּילְט אַז אִין וֶוערְטְשַׁאפְטְלִיכֶע אִינְטֶערֶעסִין הָאט עֶר זִיךְ אַלְץ אַלֵיין אַזוֹא גוּט גִימַאכְט וִויא דֶער גְרֶעסְטֶער מַייסְטֶער.

וַוייל עֶר הָאט אָבֶער זַייעֶר פִּיהל גִיהִילְץ גִיהַאט אִיז אִיהם אַיין גִיפַאלֶען זִיךְ אוֹיף דֶעם וֶועג לֶעבֶּען זַיין דִירָה אַיין אָרֶענְטְלִיכֶע קְרֶעצְמֶע אוֹיף צוּא שְׁטֶעלֶען קוּרְץ עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גִיפוּילְט כֵּלִים הָאט עֶר גִינוּג גִיהַאט קֵיין שְׁוֶוערֶע אַרְבַּייט הָאט אִיהם נִישְׁט פַאר דְרָאסֶען אַנוּטֶען קָאפּ הָאט עֶר גִיהַאט, בְּקִיצוּר, עֶר הָאט זִיךְ מִיט שבת צוּא דֶער אַרְבַּייט גִינוּמֶען אִין אַקוּרְצֶער צַייט הָאט עֶר גִיהַאט אַהוֹיז מִיט פֶּענְצְטֶער טִירֶען לָאדֶען קוּרְץ מִיט אַלֶע גִישֶׁעפְטֶען אַבְּרֵייטֶען טוּיעֶר צוּם אַרֵיין פָארֶען הָאט עֶר זִיךְ גִימַאכְט וִויא בַּייא אוּנְז דִיא מָאדֶע אִיז, נָאךְ אַיין אוֹיף גִיצוּיגֶענֶע בְּרִיק הָאט עֶר גֵייטִיג גִידַארְפְט צוּא זַיין גַאנְץ פַאראַפִיעֶ כְּדֵי וֶוען דִי וִוילְדֶע וֶועלֶען שׁוֹין וואוּל מִיט דִיא שַׁאנְצֶען אַיין נֶעמֶען זָאלֶען זַייא עֶרְשְׁט שְׁטַיין בְּלַייבֶּען וִויא בַּארָאנִים וַוייל עֶר וֶועט דִיא בְּרִיק אוֹיף צִיהֶען אוּנ זַיי וֶועלֶען נִישְׁט קֶענֶען צוּא אִים צוּא קוּמֶען דֶער זִינְדִינֶער מֶענְטְשׁ כָּל זְמַן עֶר לֶעבְּט זוֹכְט עֶר זִיךְ זַיין לֶעבֶּען זִיכֶער צוּא דֶער הַאלְטֶען.

דֶער וַוייל אִיז דִיא צַייט גִיקוּמֶען צוּם אַקֶערִין זַייעֶן אוּנ שְׁנִיט צַייט, מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה מִיט גְרוֹיס הַרְחָבָה הָאבֶּען זַייא גִיאַרְבַּייט מִיט זִינְגֶען שְׁפְּרִינְגֶען טַאנְצֶען עֶר הָאט זִיךְ דֶעם קָאפּ צוּ בְּרָאכִין

אַז ער זאָל קענען מאַכען אַזאָרגע אָדער אַמיל כְּדֵי מָעהל צוא מַאהלען אונ ברויט צוא באַקען דאס איז אים אויך גיראַטען היינט ווידער ווייל ער האָט פון דער גרויסער שִׁיף מַצִיל גיוועזען אונ גיפעלט האָט אים צום בויען עפּעס אייזען וואַרק איז ער גיוואָרען אַקאַוואַל וויא ער האָט שוין גיהאַט אַלץ דינג האָט ער זיך גימאַכט איין אַקער אייזען אונ האָט דער דורך זייער גרינג גיאַקערט היינט האָט ער זיך ווידער גימאַכט אַגראַבּלְיע מיט אייזערנע ציין כְּדֵי עס זאָל די ערד גרודעס גוט צוא שלאָגען אַזוא איז ער זיך גיוואָרען אַנאַנצער בַּעַל הַבַּיִת אונ שבת אַנאַנצער מְשָׁרֵת.

וויא גליקליך זיינען זייא גיוועזען אַלע פינף חֳדָשִׁים האָבען זיי גישניטען אונ האָבען מְיַתֵּר גיוועזען צוועלף מָאל אַזוי פיל וויא פיהל זייא האָבין געזייעט וויא אַרעכטער גאָספּאָדער האָט ער זיך איבער גילאָזט פון איטליכען מין וויא פיל זייא האָבען גידאַרפט צוא פאַר צערין דאס איבעריגע האָבען זיי ווייטער פאַר זייעט זייא בויען זיך אַשפּייכלער אויף די תְּבוּאוֹת אונ לייגען איטליכס מין באַזונדער אונ ווייל די לאַמאַס זיינען אים איצונד מעהר צוא נוץ גיקומען וויא תָּמִיד וואָרום חוץ דעם וואס זייא האָבען אים אין דער היים גיגעבען וואס ער האָט גידאַרפט האָבען, זיינען זיי אים אין פעלד נאָך מער צוא ניץ גיקומען אונ זיינען בייא אים זייער חָשׁוּב גיוועזען, זייער מיד האָבען זייא היינט קוים זיך אַנידער גילייגט אונ גישמאַק אַנטשלאָפען גיוואָרין, אַגוטע נאַכט.

טו) אלטער לעב מיט שבת זיינען גיוואָרען די גרעסטע בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת אין דער וועלט.

אונזערע לייט אלטער לעב אונ שבת זיינען אין דער קורצער צייט דיא גרעסטע בְּרִיוֹת גיוואָרין וואָרום וויא אַהאָר איבער ברענט האָבען זייא גישווינד ווידער נייעס דער קלערט אונ גיקענט מאַכען מיט זיין גוטען קאָפּ האָט ער תָּמִיד אַלץ דינג מיט שֵׂכֶל דער קלערט אונ דורך פלייסיג אַרבּייטען האָט ער אַלץ דינג גיקענט מיט אַלע נישעפטען מאַכען ער איז דער מייסטער גיוועזען אונ שבת דער לערען יונג בְּקִיצוּר זיי זיינען גיוועזען בעקערס שניידערס צעשלערס

טְעפֶּערְם גֶערְטְנֶירְס יֶעגֶערְס פִישֶׁערְס אוּנ נָאךְ אַנְדֶערֶע קוּנְצֶען וִויא דִי נוֹיט הָאט זַייא גִילֶערְינְט וַוייל זֵיי הָאבִּין זִיךְ אָן דֶעם גָאר גִישְׁט גִיקֶענְט בַּאגֵיין נִישְׁט אַזוֹ וִויא בַּייא אוּנְז אִין אֵייְרָאפַּא וָואס מֶען בְּרֵיינְגְט אַלְץ דִינְג צוּא פַאר קוֹיפֶען זַייא אָבֶּער וָואס זַייא הָאבֶּען גִידַארְפְט הָאבִּין זֵיי זִיךְ אַלֵיין גִיטָאן אוּנ זַיינֶען דֶער בַּייא תָּמִיד פְרֵייש אוּנ גִיזוּנְד אוּנ לֶעבֶּעדִיג גִיוֶועזֶען וָואס מֶעהר זַייא הָאבֶּען גִיאַרְבַּייט אוּנ הָאבִּין זִיךְ מִיט מְלָאכוֹת בַּאשֶׁעפְטִיגְט מֶער זַיינֶען זֵיי גִיזִינְטֶער גִיוָוארִין דָאס אִיז אַבַּאוַוייז אַז זַיין לִיבֶּער נָאמֶען הָאט אוּנְז נָאר בַּאשַׁאפֶען צוּם אַרְבַּייטֶען וַוייל מִיר זֶעהֶען וָואס מֶער דֶער מֶענְטְשׁ רִירְט זִיךְ אוּנ טוּט עֶפֶּעס גִישְׁמַאק מֶער וֶוערְט עֶר גִיזוּנְד אִין גוּף בֶּעסֶער אוֹיף דֶער נְשָׁמָה אוּנ גְלִיקְלִיכֶער אִין גַאנְצֶען לֶעבִּין ׃

אַזוֹא אִיז וִוידֶער אַהַאלְבּ יָאהר אִין לֵיידֶען אוּנ אִין פְרֵיידֶען אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אוּנ שבּת הָאט גִיצִיטֶערְט זַיין קֶעגִיג צוּ דֶער מָאנֶען אַז זַייא זָאלֶען זִיךְ אַבִּיסֶעל אַרִיבֶּער חַאפִּין צוּ זַיין פָאטֶער דֶער וַוייל אִיז אלטער לֶעבּ דֶער עֶרְשְׁטֶער גִיוֶועזֶען אוּנ הָאט דֶער מָאנְט אַז זֵיי זָאלֶען זִיךְ וִוידֶער אַשִׁיף מַאכֶען, שבּת אִיז וִויא מִיט פְלִיגֶעל גִיפְלוֹיגֶען אוּנ נֶעמְט זִיךְ מִיט קָארַאשׁ צוּא דֶער אַרְבַּייט, מִיט דֶעם דרךְ הטבע אִיז אִצוּנְד דִיא אַרְבַּייט גִישְׁמַאקֶער צוּא גִיגַאנְגֶען, וַוייל עֶרְשְׁטִינְס הָאבֶּען זֵיי גִיהַאט רֶעכְטֶע כֵּלִים אוּנ צְוַוייטִינְס דִי הָאפֶענוּנְג וִוידֶער מֶענְטְשֶׁען פַאר זִיךְ צוּא זֶעהֶען הָאט זַייא אוּנְטֶער גֶעטְרָאגֶען ׃

אַמָאהל הָאט אלטער לֶעבּ שַׁבָּתִין גֶעשִׁיקְט פִישׁ חַאפֶּען אוּנ אַלֵיין הָאט עֶר אִין דֶער הֵיים אוֹיף דֶעם הוֹיף צוּא טָאן גִיהַאט אִיז אוּים אִים פְלוּצְלוּנְג דִיא נְשָׁמָה אַרוֹיס פַאר דֶער שְׁרֶעקֶענֶעשׁ אִיבֶּער דֶעם אוּם גִיהֵייעֶרֶען גִישְׁרֵייא אוּנ גִיפִילְדֶער וָואס שבּת הָאט גִימַאכְט אִיבֶּער דֶעם וֶועג שוֹין הָאט עֶר גִישְׁרִיעֶן דָארְט , וָואס אִיז דָאס גָאט אִיז בַּייא דִיר אוּנ זָאג וָואס אִיז דָאס אַזוֹיְנְס פְרֶעגְט אלטער לֶעבּ מִיט צִיטֶערְנֶעשׁ אֵיינֶעם צְוַוייא דְרַייא פִיר פִינְף זֶעקְס שִׁיפְלֶעךְ דָאס וָוארְט זֶעקְס הָאט עֶר פַאר גְרוֹיסֶע צָרוֹת פַאר גֶעסִין אוּנ הָאט עֶס נָאר הַאלְבּ גִיזָאגְט זֶעקְס שִׁיפְלֶעךְ מִיט ווִילְדֶע מֶענְטְשֶׁען אוּנ גִיבּוּנְדֶענֶע שְׁבוּיִם זַיינֶען שוֹין וִוידֶער דָא אוֹיף אוּנְזֶער

קענפע, האט שבת געענטפערט און האט געציטערט און מיט דיא צוין גיקלאפט אלטער לעב איז אבער דער וייל ווידער צוא זיך גיקומען און רעט שבת'ן צו ער זאל נאר קודם נישט פאר צאגען אן נאטם הילף און מיט קאראש זיינען זייא גילאפען זעהען וואס עס טוט זיך שבת האט איהם געמוזט איבער אניים צוא שווערען אזוא באלד עס וועט קומען צוא איין מלחמה זאל ער ליבער זיין לעבען פאר לירען איידער אים צוא פאר לאזען אצונד פאלג נאר מיך און עס וועט אלץ דינג גוט זיין ׃

אלטער לעב זאגט הער צוא מיין קינד מיין ליבער גיטרייער פריינד מיר מוזען דא זעהען דיא גיבונדענע אוים דיא הענד פון זייערע ווילדע רוצחים מציל צוא זיין אפילו עס זאל אונז דאס לעבען קאסטין נאר פריער וויל איך קיין בלוט נישט פאר גיסען ביז עס וועט גאנץ נייטיג זיין וויא באלד מיר וועלען זעהען אז זייא טאנצען און שפרינגען אינ ווילען שוין דיא גיפאנגענע אום ברייגנען וועל איך אן קומען און אוים אהארמאטע אוים שיסען וועלען זייא אלע אנטלויפען וועט עס מיט נוטען גיין איז גוט און ווען נישט וועלען מיר נעמען שווערדען ביקסען פולווער שראט און אזוא לאנג אויף זייא קאנאנען שיסען ביז זייא אדער מיר וועלען אויף דעם פלאץ בלייבען ׃

און מצד השכל איז ער גיפאלען אויף דיא טכסיסי מלחמה אזו וויא בייא אקיסר אדער אקעניג אזו האט ער מארשירט איבער זיין אויף צוגס בריק ארויף ציהען אים פאל דיא ווילדע זיינען אים חס ושלום מנצח זאלען זייא נישט דער לעבען זיין דירה די פעסטונג איין צוא נעמען דער נאך מארשירען זייא ווייטער ארום דעם באך אין דעם גידיכטען וואלד אריין איבער דעם וועג האט ער שבת אפשר טויזינד מאל אן גיזאגט אז ער זאל זיך למען השם היטען אטראפין מענטשען בלוט צוא פאר גיסין ביז ער וועט זעהען אז עס איז שוין קיין אנדער ברירה נישט דיא גרעסטע סכנה מוזען מיר מיט קאראש און בטחון אן גאט אנטקעגין גיין מיר טארען זיך גאר נישט שרעקען. קלעטער נאר ארויף אויף דעם הויכען בוים און

זאג מיר וואס דוא זעסט, אדער ניין איך וועל פון אויבען דורך דער שפאקטיף אלץ דינג גוט זעהען .

וויא ער זעהט פופציג ביז זעכציג מענטשען פרעסערס ארום אגרוים פייער זיצין אונ איינער אגיבונדענער ליגט נאר גיבראטען צוא ווערען האט ער זיך קוים ניקענט אויף דעם בוים דער האלטען ער איז שוין אזוא אין כעס אריין גיקומען אז ער האט שיעור אנאנצע הרינה אן גיארבייט , נאר דער שכל האט איהם נאך נישט אין נאנצען פאר לאזט ער שפרינגט גישווינד אראפ אונ נעמט צוא זיך דרייא פיסטוילין שבת אויף אזוא פירט דיא הארמאטע אויס דעם וואלד ארוים טוט זיך אן גישליפענע דעגינס אונ יאגט נאך אונ גישווינד לייגט ער אפרעכפיג אונ צינד אן אונ דער קלאפ האט אזוא שטארק דיא ווילדע מענטשען איבער גישראקען אז זיי זיינען אומניפאלען גלייך וויא זייא וואלטען אלע דער שאסין געווארען אין עטליכע מינוט ארום זעט ער אטייל וואס האבין זיך גיפארכטען זיינען זיך גישווינד צוא פאהרען דיא איבעריגע בעהערצטע אבער ווייל זיי זיינען גיזעסען מיט דעם רוקען צו דער הארמאטע האבין קיין פייערדיקען בליטץ אונ קול נישט גיזעהען האבען זיי זיך צונויף גיקליבען אונ זיינען גישטאנען וויא אמויער , דיא אנטלאפענע וואס זיינען נאך נישט ווייט גיוועזען זיינען אויף צוריק גיקומען אונ האבין ווייטער גישריען גיטאנצט אונ האבין מיט כלי זיין אין דער הויך גיווארפין , אלטער לעב האט זיך נאך אלץ נישט גיוואוסט קיין עצה צו געבען ביז ער האט ערשט דער זעהען אז מען נעמט זיך צו דעם גיפאנגענעם דאס האט אים ביין הארצען אן גיחאפט אונ שרייט שבת גישווינד דוא אויף דער לינקער אונ איך אויף דער רעכטער זייט מיר מוזען זיי איבער פאלען אונ שיטין מיט שראט אונ קוילען שבת האט נאך בעסער גימאכט וויא אלטער לעב אליין ווארום ער האט פינף פאר קאליקעס גימאכט אונ דרייא טויט גישאסען דער איבעריגער עולם האט גיזעהען אז דא איז עפעס ניט גוט חאפין זיי דיא פיס אויף דיא פלייצעס אונ זיינען אנטלאפין גיווארין .

קוים האט ער שוין גימיינט אז אלע זיבען הימלען זיינען זיינע

אוּנ וָויל שׁוֹין נֵיין דָעם גִיפַאנְגֶענָעם מַצִיל־זַיין דָער וַוייל דָער זָעהט
עָר אַז דִיא אַנְטְלָאפֶענֶע הָאבִּין זִיךְ ווִידָער צוּא זַאמֶען גֶענוּמֶען
אַנְטְקָעגֶען צוּא שְׁטֶעלֶען עָר הָאט קֵיין בְּרֵירָה נִישְׁט גִיהַאט אוּנ
הָאט גִימוּזְט וַוייטֶער מִיט שְׁרָאט אוּנ קוּילֶען אַזוֹא וִויא שׁבת שִׁיסִין
עָס זַייגֶען ווִידָער אַכְט נַאנְץ טוֹיט אוּנ עֶלְף־קָאלִיקָעס צוּ דָער עֶרְד
גִיפַאלֶען וִויא זֵייא שְׁפְּרִינְגֶען אַרוֹיס אוֹיס דָעם וַואלְד זַיינֶען דִי וִוילְדֶע
פְּרַאוֶודֶע גִיבְּלִיבֶּען וִויא אָן גִיקָאוֶועט שְׁטֵיין אָבֶּער תֵּיכֶף הָאבִּין זֵייא
זִיךְ ווִידָער אַנְטְקֶעגִין גִישְׁטָעלְט וֶוערֶען •

מֶענְשֶׁען בְּלוּט אִיז בֵּייא אִיהם זֵייעָר טַייעָר גִיוֶועזֶען עָר הָאט
אָבֶּער גִיזֶעהֶען אַז עָס אִיז פָארְט קֵיין אַנֶדער מִיטֶעל נִיט פַאר הַאנֶדען
דָעם גִיפַאנְגֶענֶעם מַצִיל צוּ זַיין וִויא נָאר דוּרְךְ בְּלוּט פַאר גִיסֶען ,
עָר מִיט שׁבת זַיינֶען שׁוֹין מִיט זֵייעָרֶע שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְדֶען אוֹיף כֹּחַ
גִינַאנְגֶען דָער וַוייל דָעם גִיפַאנְגֶענֶעם דִיא שְׁטְרִיק אוֹיף גִישְׁנִיטֶען
וִויא עָר פְרֶעגְט אִיהם וֶוער עָר אִיז אוּנ יֶענֶער עָנְטְפֶערְט אִיהם
אִיךְ בִּין אַשְׁפַּאנִישֶׁער קְרִיסְט שְׁפְּרִינְגְט עָר אִין דָער הֵייךְ פַאר שִׂמְחָה
אוּנ שְׁרַייט הָאט מִיר גָאט צוּ גֶעשִׁיקְט מִיר מַיין לֶעבִּין אַיינְצוּשְׁטֶעלִין
פַאר אַקְרִיסְט , וַוייל מִיר הָאט אַקְרִיסְט אוֹיךְ זֵייעָר גִיהָאלְפֶען אִין
דָער נוֹיט , שׁבת גִישְׁווִינְד גִיבּ אִים אוֹיךְ אַשְׁוֶוערְד וִויא אַלֵייבּ אִיז
עָר מִיט זַיינֶע צְוֵייא הֶעלְפֶערְס צְווִישֶׁען דִיא ווִילְדֶע מֶענְטְשֶׁען
פְרֶעסִירְס גְרִינְג אַרַיין גִישְׁפְּרוּנְגֶען אוּנ הָאט נָאר גֶעשְׁנִיטֶען וִויא אִין
קְרוֹיט אַרַיין אֵיינֶער הָאט גִילָאדֶען צְוֵייא הָאבֶּען גִישָׁאסֶען אלטער
לעב קוּקְט זִיךְ אוּם זָעהט עָר וִויא אַווִילְדֶער מֶענְשׁ שְׁטֵייט אִיבֶּער
דָעם שְׁלַאפֶען שְׁפַּאנִיר מִיט אַשְׁטִיק הָאלְץ נָאר טוֹיט צוּ שְׁלָאגֶען ,
אלטער לָאזְט קֵיין אוֹיג פוּן אִים נִישְׁט אָפּ אוּנ צִילְט אוּנ טְרֶעפְט
דָעם ווִילְדֶען , אוּנ דָער שְׁפַּאנִישֶׁער קְרִיסְט אִיז בְּשָׁלוֹם נִיצוּל גִיוָוארֶען
קוּרְץ עָס זַיינֶען גִיוֶועזֶען אִיבֶּער דְרַייסִיג טוֹיטֶע , צְוַואנְצִיג קַאלִיקָעס
אוּנ דִיא אִיבֶּערִיגֶע זַיינֶען אַנְטְלָאפֶען וואוּ דָער שְׁוַוארְצֶער פֶעפֶער
וַואקְסְט , פוּן אוּנְזֶער מַחֲנֶה אָבֶּער זַיינֶען אַלֶע דְרַייא גִיבְּלִיבֶּען גִיזוּנְד
נָאר אָבְּגִיהָארֶעוֶועט אוּנ מִיד •

שׁבת (וַוייל אלטער לעב הָאט גִיהֵייסֶען) הַאפְּט דָעם שְׁפַּאנִיר

צווייטער טהייל אין

אין גאנצען וויא גרויס ער איז געוועזען און טראגט איהם אויף דער האנד אהיים ברייגגט איהם אלערלייא זאכען צום דער קוויקען און ער איז גישמאק אנטשלאפען גיווארען.

דער וייל איז אלטער לעב איינגיפאלען זיך צו גיין אומקוקען וואס אויף דיא צווייא שיפלעך טוט זיך וואס דיא ווילדע מענשען האבען איבער גילאזט קוים איז ער צו גינאנגען האט ער דער זעהען נאך איין אומגליקליכען ווילדען מענש גיבונדען הענד און פים יענער איז מעהר טויט וויא לעבעדיג גיוועזען קודם איז ער צוא איהם צוא און האט איהם דיא שטריק אב גישניטען און אויף גילאזט און האט אזוי געשריען אז שבת האט דארט דער הערט זואו ער האט צו נויף גישארט דיא פגרים עם איז שוין גיוועזען גרויסער טאג.

שבת און דער שפאניר זיינען גילאפען וויא דיא הערשען נאך דעם קול, און וויא שבת איז צום גיפאנגענעם צו גיקומען איז ער איהם ארום גיפאלען גיקושט און גיהאלזט שיעור דער דריקט האט ער איהם פאר גרויס שמחה ער האט איהם אן גיהויבט מיט זיין ווארעמען אטעהם ער האט איהם גיווארעמט ער האט איהם אויף זיך גינומען און גיוויינט מיט הייסע טרערען, און גיטאנצט וויא אמעשוגענער, מען קען אויף פאפיר דאס גאר נישט באשרייבען וואס דער שבת מיט דעם נייא גיפאנגענעם מענשען האט פאר פירט באלד ווארפט ער פון זיך אראפ דעם פאנצער און לייגט יענעמס קאפ אויף זיין בלויסען הארץ, באלד ווידער קושט ער איהם פון פים ביז צום קאפ, באלד רייבט ער אים ביים דייפעג, באלד ווארפט ער מיט אים, און באלד וויינט ער יאמערליך אז עס האט דיא איבעריגע גאר דאס הארץ אוים גערימען פלוצלונג הייבט ער זיך אויף לאזט איהם ליגען און לויפט אזוי גישווינד וויא דער פייל פון בויגען ער האט זיך אפילו גאר נישט אן גיזאגט און אין עטליכע מינוט ארום איז ער שוין ווידער דא גיוועזען מיט פרעוויאנט מיט וויין לימינעם און איינגימאכטס ער האט יענעם ווידער דער מינטערט אזוי אז ער האט שוין אליין גיקענט אויפשטיין וויא יענער האט



זַיין זון שבת דָער קֶענְט מָען ,קֶען זִיךְ גוּט פָּאר שְׁטֶעלֶען וִויא
אוּמְבֶּעשְׁרַייבְּלִיךְ גְרוֹיס אוֹיף בֵּיידֶען דִיא שִׂמְחָה אִיז גִיוֶועזֶען עֶר
שְׁלֶעפְּט בֵּיידֶע שִׁיפְלֶעךְ אוֹיף דֶעם בָּארְטֶען לַייגְט דֶעם פָּאטֶער אוֹיף
אַטַאצְקֶע אוּנ פִּירְט אִיהם אַהֵיים .

שוין זיינען אכט טאג אוועק גיגאנגען און אלטער לעב מיט שבת גייען ארום וויא משוגע ווייל דיא אב געשיקטע דאנערשטיק און דער שפאציר זיינען נאך נישט צוא ריק גיקומען צוואנציג מאל זיינען זייא אין טאג אויף דיא פערג ארום גילאפען און האבען אלץ ארויס גיקוקט זייא צו דער זעהען אבער אלס אומזיסט זייא זיינען ארום גיגאנגען מיט דיא קעפ אראפ מיט איין גיפאלענע פענימער און שווארץ וויא אבראנד פאר גרויס עגמות נפש אזוי האט זיך זייער שמחה נעבאך ווידער אויס גילאזט זייער האפענונג דער לייזט צוא ווערען איז פאר גאנגען וויא וואקס פאר פייער.

אזוי איז דער מענטש נעבאך מיט גיוואלד מוז ער לעבען האטשע ער וויל נישט זיינע יארען ברייננט ער צוא אין גרויסע צרות אין ליידין האט ער אמאהל אשמחה אתענוג מוז אלס אסוף נעמען אויף דער וועלט, איפער דעם איז דאס בעסטע און קלינגסטע אז דער זינדיגער מענטש זאל זיך תמיד דעם ערגסטען פאל פארשטעלען דער בעסטער קומט ממילא.

אין עטליכע טעג ארום האט זיך אלטער לעב עפעס אין דער היים באשעפטיגט קומט שבת צוא לויפען גיפלויגען איז ער וויא דער פייל פון בויגען און שרייט גאך פון ווייטינס זייא קומען זייא קומען אלטער לעב האט זיך ווידער דורך דער בשורה זייער גיפרייט נעמט זיין שפאקטיף און זעהעט פון ווייטינס אהיפש שיפיל וואקילט זיך אויף דעם ים ער קוקט נאך אביסעל און שרייט שבת שבת מיר איז פארט עפעס נישט רעכט דאס איז נישט אונזער קליין שיפעל וועד ווייסט וואס ווידער אנאייע שלימזל צוא אונזער קאפ וועט אויס גיין מעהר ער האט גיקוקט מעהר האט ער גיזעהען אז דאס איז נישט זייערע לייט נור עפעס איין ענגלישע גרויסע שיף איך זעה אז דיא מענטשען זיינען פון איירפא און גייען אן גיטאן וויא איינגלישע זעלנער איך האב מער נישט מורא אויב דאס זיינען נישט ים גזלנים, ביידע ציטערען און פלאטערען פאר מורא און שטייען וויא פאר שטיינערט וויא זייא האבען צוא גיזעהען אז עלף מענטשען דרייא גיבונדען אין אייזערנע קייטען און אכט מיט גילאדען גיווער ארום

זייא טרעטען ארויס אויף דער יבשה נעמען אראפ דיא קיטען אונ שטריק פון דיא תפוסים אונ ווילען זייא אומברענגען , נאר דיא אום גליקליכע האבען זייערע גזלנים זייער געבעטין האבין דיא גזלנים זייא אביסיל נאך גילאזט אונ האבען אזוי גישמועסט אום ברענגען איז אונז אפילו נישט זייער נייטיג ווארום אז מיר וועלען זייא ביים לעבען לאזען אויף דער וויסטער קענפע איז אויך גינוג לאזען זייא דא אום קומען וואס גייט דאס אונז אן דער וויל האבען זייא זיך אין וואלד אנטקעגין דער זוהן אנידער גילייגט אוים רוהען אונ דיא אום גליקליכע וואס האבין גימיינט נאר אז מען וועט זיי אומברענגען זיינען גילעגין אויף דיא קניען אונ גיוויינט אונ גיאמערט אז עס האט ביים הארץ גערישען .

שבת זאגט צוא אלטער לעב אביסעל שפעטיש זעהסטו מיין ליבער פריינד דו פרעגסט מיר אלס אין איין שטים זאגען אז מיר ווילדע עסין מענטשען פלייש זעהסטו דיינע לאנדס לייט פרעסען אויך זייערע גיפאנגענע, אלטער לעב האט זיך זייער גישעמט אונ זאגט נאך מענטשען פלייש זאלען זייא פרעסען נישט גינוג אז זייא ווילען זיי אום בריינגען.דאס איז שוין אויך גינוג ביטער , נאך מער האט עס זיי ביין הארץ גיקלעמט אז זיי האבען מיט זייערע אייגענע אויגען צו גיזעהען וויא איין רוצח מיט דער בלאנקער שווערד אין דער האנד איז צו זייא צוא גילאפען אונ האט זייא אלע מאהל דיא נשמה ארויס גינומען אלע מאל דיא שווערדען אויף גיהויבען אונ אויף זייערע פלייצעס נאך גילאזט אלטער לעב האט זיך נישט גיוואוסט קיין עצה צו געבען דער וויל זעהען זיי אז דיא רוצחים האבען זיך אנידער גילייגט אונ דיא דרייא תפוסים האבען זיך גיזעצט אין איין ציטערנעש באלד וועלען מיר פון זייערע הענד מוזען שטארבען .

פאר גרויס רחמנות האבין אלטער לעב אונ שבת אויף גיחאפט שווערדען אונ ביקסען מיט פולווער קוילען אונ שראט אין זיינען שטילערהייט אין דעם וואלד צווישען דיא ביימער גענאנגען ביז זייא זיינען צוא דיא דרייא אום גליקליכע צוא געקומען אונ וויל

דיא גזלנים זיינען טיף אין וואלד גילענען האבין זייא צווישען זיך גיקענט שטילער הייט שמועסען זייא דער שרעקען זיך נעבעך שפרינגען אויף אונ ווילען אנטלויפען אלטער לעב האט זייא אבער אויף ענגילש וויא ער האט גיקענט שטילערהייט צווא גירופען אונ זאגט קינדער פארכט אייך נישט איך בין גיקומען אייך פון דיא רוצחים מציל זיין נאר שווערט מיר צו אייביג גיטרייא אונ פריינדליך צו בלייבען כל זמן איר וועט דא זיין, איינער זאגט איך בין דער הויפט מאן פון דער שיף יענער איז דער זעגעל מייסטער אונ דער דריטער איז אסוחר דיא גימיינדע פראסטאקעס האבען זיך איין אן רייד גימאכט אונז אום צווא ברייננגען אונ בייא אונז דיא שיף אוועק צווא גזלן איך וויים אפילו נישט פאר וואס זייא לאזען אונז אזוא לאנג לעבען דאס איז אויך סאמע רשעות. ווארום אזא לעבען איז טויזינד מאהל ערגער וויא דער טויט .

אלטער לעב שרייט וואס טויג מיר דאס מיר טארין דא קיין צייט נישט פאר לירען מיר מוזען זעהען עפעס צווא טאן נאר אויף דעם תנאי וויל איך אייך מציל זיין איר מוזט מיך דער קענען פאר דעם קיניג פון דער קענפע וואס איך וועל אייך הייסען מוזט איהר טאן אונ צווייטינס אז איך וועל פאר לאנגען מוזט איר אויף אייער שיף אונז פירען קיין ענגלאנד .

אלע דרייא זיינען אנידער גיפאלין אויף די קניא אונ שרייען וואס פרעגסט דוא דא פאר אקאשיא מיר אונזער שיף אונ אלץ דינג וואס מיר פאר מאגען גיהער דיר אויף אייביג אונ מיר בלייבען דיינע גיטרייע קנעכט אויף אייביג קיים האבען זייא גישוואוירן ווינקט ער אז שבת זאל מיט נעמען דיא קייטען אונ שטריק אונ גיין צווא דעם ערשטען וואס איז מיט דעם פנים אראב גילעגען אונ גאנץ גישמאק גישלאפען זיי האבען אים הענד פיס גיבונדען איידער ער האט זיך נאך רעכט אויף גיחאפט האט מען אים צווא גישטאפט דאס מויל מיט אטיכעל אונ אים אן גיזאגט ער זאל זיך פון דעם ארט נישט רירען אז נישט ווערט ער תיכף טויט גישאסען, דעם אנדערען אונ דעם דריטען ביז דעם זעקסטען האט מען אזוא גיטאן .

דא זעט מען נאטס השגחה וויא ער פינט אלץ דינג ווען ער וויל די ערליכקייט ראטעווען אונ דעם בעל עבירה שטראפען איז ניט אגליק גישעהען וואס זייא אלע האבען גראד גישלאפען אזוא איז תמיד ווען נאט וויל שיקט ער שוין דעם נוטען שליח וואס ער איז זיך נוקם נאטס נקמה.

איטליכען האט מען אזוא גיפונדען איטליכען האט מען אן גיזאגט ער זאל זיך נישט דער וועגען צוא ריהרען איטליכען האט מען אמורא גימאכט אז מען וועט איהם אויף טויט שיסען אזוא באלד ער וועט זיך נאר עפעס רירען פלוצלונג האפען זיך יענע צווייא אויף אונ שפרינגען אויף אונ זעהען וואס דא טוט זיך, רוצחים גזלנים שרייט אלטער לעב אונ האלט די גילאדינע פוסטוילען אקעגען זייער הארץ מיר זיינען דיא שטארקערע איר מוזט אייך מיט נוטען אונטער געבין איך וויל נישט קיין בלוט פאר גיסען דיא צווייא לייט דער זעהען זייער הויפטמאן אונ פאלען אויף זייערע קניא אונ שרייען מיר בעטען גינאד גינאד שוינע אונזער לעבען מיר וועלען דיך שוין ערליך האלטען אטייל לייגען זיך אנידער אונ לאזען זיך בינדען אונ מען זעצט זייא אלע איין אין דער נייער תפיסה אונ וייל עס איז נאר גיוועזען אהילצערנע טיר האט מען זייא מזהיר גיוועזען אז זייא זאלען זיך נישט דער וועגען דיא טיהר אויס צוא ברעכען אז נישט וועט קיין פארדאן נאר נישט העלפען נאר זיי מוזען אלע טויט גישאסען ווערען.

קודם האבען זייא דיא קליינע שיפלאך גילעכערט כדי אום פאל אפילו אז דיא תפוסים וועלען זיך אויס ברעכען זאלען זייא נישט האבען מיט וואס אוועק צוא שיפען אזוא הייסט מיט שכל אלם מיט איבער לייגונג געטאן.

נישט אזוא גיך וויא עס רעט זיך גאך ווארימס קענען זייגער דרייא האט מען אויף דעם גרויסען ש"ף גיהערט שטארק שיסען דאס הייסט אסימן אז מען רופט דיא ערשטע לייט צוריק כדי זייא זאלען אלע מיט אנאנדער אהיים פארען דרייא מאל איז דער צייכען גיהערט גיווארען אונ אלע דרייא מאל זיינען אום זיסט ווארום עס

האט זיך צוא זייא קיינער נישט אן גירופען . פלוצלונג קענגען פאר נאכט צוא דער זעהען זייא ווידער אקליין שיפעל וואס שיפט זיך מיט ענגילשע זעלנער ווידער צעהען אחברושים אלטער לעב טראכט מיט חכמה זייא צוא פאר נארען וויא אזוא ער נעמט שבת דעם הויפט מאן דעם סוחר דעם זעגעל מייסטער אונ גיט זיי גילאדין גיוועהר אונ שארפע שווערדען ער אליין שטעלט זיך אויבען אן וויא איין עלסטער אונ שיקט נאך דיא דרייא פון דיא תפוסים וואס דער הויפט מאן האט פאר זייא גוט גישטאנען אז זייא זאלען איינגענטלעך ערליכע לייט נאר זייא האבען קיין ברירה נישט גיהאט וייל די איבעריגע נזלנים האבען זייא גיצוואונגען פריער האט זייא אלטער לעב פאר גיווארפען זייער אום רעכט קעגין זייער הויפט מאן אונ וויא זייא האבען זיך פאר ענטפערט אונ איבער גיבעטען אונ גישווארען מיט הייסע טרערין אז זייא וועלען שוין גיטראיי זיין ביז אין דעם טויט אונ דער הויפט מאן האט ווידער פאר זיי ערב געווען האט ער זייא גיגעבען גיוועהר אונ האט זייא מיט גינומען .

דער ווייל זיינען יענע צעהען זעלנער אן גיקומען זיינען ארויס גיגאנגען אויף דער יבשה שרייען אויף אלע זייטען הע הע וואו זייט איר זיי רופען אלע ביי דיא נעהמען אונ זאגין שרעקט אייך נישט קומט נור צוא אונז אייערע חברים , זייט איהר שוין פארטיג מיט יענע דרייא לייט זיינען זייא שוין טויט קומט נאר צוא אונז שיפט אייך מיט אונז צוא דער גרויסער שיף , אבער אלץ דינג איז אום זיסט גיוועזען בפרט זייא האבען דער זעהען דאס ערשטע שיפעל אויף דער יבשה שטיין אונ נאך קאליע איז זייא נאך גאר פינצטער גיווארען פאר דיא אויגען .

צעהען שטיק זיינען ווידער גיוועזען לויטער דראבאסטווע סאמע יונגע שקצים ווייל דיא נאכט איז ווידער צוא געפאלען האבען זייא ארויס גישטעלט זייער שיפעל אויף דער יבשה אונ לויפען אין וואלד אריין דיא לייט צוא רופען וואו זייא האבען זיך גיטראכט ווער ווייסט וואו זייא שטעקען אלטער לעב איז גיפאלען אויף זייער אקונצליבע המצאה זייא צוא פאר נארין אין זאק אריין ער האט

גישווינד גישיקט שבת מיט דרייא גיטרייע תפוסניקס טי׳ אין וואלד אריין אונ האט זייא אן גיזאגט אז זייא זאלען זיך אלע מאהל צוא יענע ווידער אן רופען אונ ווייטער זיך רוקען אין פינצטערען וואלד אריין אונ אלע מאל זייא ענטפערען אונ וויא באלד זייא וועלען זעהען אז דיא אחברושים הערען זייא אונ גייען זייער קול נאך זאלען זייא דיא לייט אזוא פאר נארען ביז איר וועט ווידער דורך איין אנדערען וועג צוא ריק קומען צוא אלטער לעב מיט זיין מחנה זייא גייען אוועק אונ עס איז אזוא גיוועזען נאר זייא האבען זיך צוא דיא אחפרושים אן גירופען האבען זייא נאר צווייא לייט איבער גילאזט ביים שיפעל אונ אכט זיינען דעם קול נאך געלאפען .

דער וויל האט אלטער לעב דעם הויפט מאן אויס גיזאגט זיין מיינונג זיין חכמה וואס האט נאר קיין שאך נישט מיר מוזען זייא דער שרעקען אבער נישט דער שלאגען קיין טראפען בלוט וויל איך נישט פאר גיסען ביז עס וועט נייטיג זיין , אלטער לעב איז מיט זיין משפחה דאס קליינע שיפעל איבער גיפאלען אונ האבען גיקלונגען מיט דער גיוועהר אונ גישריען אונ גישטראשעט דיא וואך קוים זיינען זייא נעבעך פאר דער שרעקעניש אום גיפאלען ליגין זיי שוין גיבונדען וויא דיא בערען אויך דאס שיפעל האבין זיי תיכף ארויס גיצויגען אונ עס קאליע גימאכט .

דיא איבעריגע רוצחים אבער זיינען זייער מיד גיוועזען פון ארום לויפען אין וואלד אונ זיינען איינצינ ווייס ווידער צוא ריק גיקומען צוא דעם ארט וואו זייער שיפעל איז פריער גישטאנען אונ האבען אן גיהויבען צוא וויינען אונ צו שרייען גוואלד וואו איז זייער שיפעל פינף זיינען ערשט ביי זאמען גיוועזען איינעם פון די תפוסים האט מען צוא זייא גישיקט צוא ווילען זייא זיך מיט גוטען אונטער געבען צוא ניין ווארום דא שטייען אפשר פופציג מעטשען לויטער ריזען אונ אויף דער שטעל וועלען טויט גישאסען דאס שיפעל איז שוין אויף דער וועלט נישט פאר האנדען זייא מוזען אדער פאר הונגער שטארבען אדער זיך אונטער געבען ,

דֶער שָׁלִיחַ הָאט אַזוֹ גִיטָאן אוּנ נַאנְץ גִיטְרַייא זַייא דֶער צַיילְט
וִויא דִיא זַאךְ שְׁטַייט אוּנ אַז זַייא שְׁטַייעֶן זַייעֶר שְׁמָאל דִיא לַייט
זַיינֶען גִיבְּלִיבֶּען סְטָאלְפָּאם שְׁטַיין בְּקִיצוּר זַייא הָאבֶען זִיךְ דִיא זַאךְ
גוּט אִיבֶּער גִילַייגְט אוּנ נָאר גִיפְרֶעגְט קֶענֶען מִיר, אָבֶּער אַז מִיר
וֶועלֶען זִיךְ מִיט גוּטֶעז אוּנְטֶער גֶעבֶּען וֶועלִין מִיר בַּיים לֶעבֶּען בְּלַייבִּין
אוּנ אוּנְזֶער הוֹיפְּט מַאן וֶועט אוּנְז פַאר גֶעבֶּען וָואס מִיר הָאבֶּען
קֶענֶען אִים גִיטָאן, בְּשַׁעַת זַייא הָאבֶּען גִישְׁמוּעֶסְט זַיינֶען אַלֶע גַאנְץ
שְׁטִיל צוּ גִיקוּמֶען דֶער הוֹיפְּט מַאן הָאט זִיךְ אָן גִירוּפֶען יוֹא אִיךְ פַאר
גִיבּ דִיר אוּנ אַלֶע דַיינֶע פַאר פִירְטֶע עַכְבְּרוֹשִׁים דוּ הֵייסְט טָאמַאשׁ
לַיינ תֵּיכֶּף דָאס גִיוֶוער אַנִידֶער קֶענְט אִיר נָאךְ גִיהָאלְפֶען וֶועדִין אוּנ
אַז נִישְׁט וֶוערְט אִיר אַלֶע טוֹיט גִישָׁאסֶען לַייגְט דָאס גִיוֶוער אַנִידֶער
וֶועט אַייךְ אַלֶע דָאס לֶעבֶּען גִישַׁיינְקְט וֶוערֶען נָאר אַייעֶר גְרֶעסְטֶער
גַזְלָן דֶער וָואס הָאט אַייךְ אַלֶע פַאר פִירְט דֶער וֶועט פַאר שְׁוַארְצְט
וֶוערֶען נָאךְ זַיינֶע שַׁבָּת קְלַיידֶער אַנְטָאן דֶער רוֹצֵחַ דֶער מוּז גִיפִּירְטַיילְט
וֶוערִין, מַיין וָוארְט קֶענְט אִיהר עֶס וֶועט אַייךְ נִישְׁט אַהָאר גִיקְרִימְט
וֶוערֶען פָאלְגְט מִיךְ .

אַלֶע וַוארְפֶען אַוֶועק דָאס גִיוֶוער אוּנ לָאזֶען זִיךְ בִּינְדֶען אַנְטָאן
שְׁרַייט אוֹי אִיךְ הָאבּ גִיזִינְדִיגְט קֶענֶען מַיין הוֹיפְּט מַאן אִיךְ בֶּעט
גִינָאד גִינָאד הָאט אוֹיף מַיינֶע יוּנְגֶע יָאר רַחֲמָנוּת יֶענֶע דְרַייא זַיינֶען
שׁוֹין אוֹיךְ דָא אִיךְ הַיים זַייא אוֹיךְ אוּנְטֶער גֶעבֶּען אַבִּיא שֵׁיינְקְט מִיר
דָאס לֶעבֶּען הוֹיפְּט מַאן לֶעבּ אִיר מוּזְט מַיין יוּנְג בְּלוּט שׁוֹינֶען אִיךְ
וֶועל עֶס אַמָאל פַאר אַייךְ פַאר גִיסֶען אַבִּיא שֵׁיינְקְט מִיר דָאס
לֶעבֶּען עֶר פַאלְט אוֹיף דִיא קְנִיא אוּנ וַויינְט אוּנ בֶּעט דֶער הוֹיפְּט
מַאן עֶנְטְפֶערְט אִיהם דוּא רוֹצֵחַ דוּא בִּיסְט אִצוּנְד נִישְׁט בַּייא מִיר אִין
דֶער הַאנְד אוֹיךְ מַיינֶע לַייט אוּנ מַיין פַאר מֶעגֶעז גִיהֶערְט אִצוּנְד
דֶעם קֶענִיג פוּן דֶער קֶענִיגִּפֶע אִיהם וֶועל אִיךְ בֶּעטֶען פַאר דִיר אֶפְשָׁר
וֶועט עֶר דִיר דָאס לֶעבֶּען שֵׁיינְקֶען נָאר אִצוּנְד אִיז קַיין צַייט נִישְׁט מִיר
וֶועלֶען נָאךְ צַייט הָאבֶּען דֶער פוּן צוּא שְׁמוּעֶסֶען .

זַייא בִּינְדֶען אַלֶע אוּנ פִירֶען זַייא אִין דֶער תְּפִיסָה צַרַיין אוּנ
אַטַייל וָואס דֶער הוֹיפְּט מַאן אִיז פַאר זַייא גוּט גִישְׁטַאנֶען דִיא הָאט

מען פריא גילאזט נאר זייא האבען גימוזט פאר דער תפיסה אויף דער וואך שטיין אלע שעה איין אנדערער אין דער גרעסטער ארדינונג איבער דעם ווענ פאלט דער הויפט מאן דער זעגיל מייסטער אונ דער סוחר אלטער לעבן ארום דעם האלז דאנקען קושען אונ האלזען איהם אונ וויינען פאר שמחה באנעצען זיינע לעפצען מיט זייערע טרערען אונ לויבען איהם זיין מענטשען ליב שאפט זיין גוט הארץ אונ זיין חכמה .

אונ אלטער לעב ענטפערט זייא אויך מיט טרערין אונ זאגט מענטשין פריינד דער דאנק קומט נישט מיר נאר זיין ליבען נאמען ער האט אזוא גיוואלט איז אזו גישעהען וואס קען דער מענטש אן זיין היילינען ווילען איך וויל אייך זינגען אליד איר זאלט אלע הנאה האבען זיי גייען אהיים איטליכער דאנקט אונ לויבט גאט נאך זיין גיוואוינהייט נאר אלטער לעב דאוונט זייער ערינסט זייא עסען אונ טרינקען זייער גוט אונ אלטער לעב זינגט .

פיל שוטים שטייען אונ גאפין (קוקען)
פרעגען ווער עס האט באשאפען :
אוים אגאר נישט אזא שיינע וועלט
פלאנצען גערטנער אונ דאס פעלד :
ווער די שטערין זון לבנה אין דעם הימעל .
ווער חיות בהמות עופות אלע צום רימעל :
ווער האט אלע גרויסע ימים מיט די שיפען .
ווער האט דאס פון אגאר נישט אפיר גירופען :
דיא נאראים קוקען דא אונ דארט .
אונ פאר שטייען נישט גאטס ווארט :
אז איבער אלעם קעניג אונ הער .
איז דער איינציגער גאט אליין נאר ער :
פון אלעם איז נאר ער דער באשיצער .
קעניג איבער אלע מלכים אונ ריצער :

עֶר אַלֵיין הָאט דָאס בִּנְיָן גִיטָאן בּויעֶן .
אוּנ אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישֶׁען מוּזֶען אִים פַאר טְרוֹיעֶן :
גָאט בְּלַייבְּט אֵייבִּיג וִויא זַיין וָוארְט .
וָואס אִיז מִיט כֹּחַ אוּנ קְרַאפְּט אָן גִיגוּרְט :
זַיין וָוארְט אִיז גִירֶעכְט אוּנ וָואהר .
אוּנ וִויא דִיא זוּן אִין הִימֶעל קְלָאהר :
זַיין וָוארְט אִיז אוּנְזֶער לִיכְט .
בַּאשֶׁערִימְט אוּנְז פַאר אוּם רִיכְט :
עֶר לָאזְט אוּנְז גוּטֶס שְׁמֶעקֶען .
אוּנ קַיין מָאהל נִישְׁט אִיבֶּער שְׁרֶעקֶען :
זַיין וָוארְט טוּט אוּנְז דֶער קְלֶערֶען .
זַיין הֵיילִיגֶען ווִילֶען זַיין בַּאגֶעהרֶען :
עֶס לֶערִינְט אוּנְז פְּרוּם לֶעבֶּען .
כְּדֵי אוּנְז יֶענֶע וֶועלְט צוּא גֶעבֶּען :
זַיין וָוארְט אִיז מִילְיָאנֶען וֶוערְט .
וֶוער עֶס הָאט עֶס צוּא גִיהֶערְט :
עֶר אִיז אוּנְז מַבְטִיחַ דִיא נְחָמָה .
אַז אֵייבִּיג לֶעבְּט אוּנְזֶער נְשָׁמָה :
זַיין וָוארְט אִיז דֶער גִילְדֶענֶער שֵׂכֶל .
הֵיילִיג אוּנ רֵיין וִויא דָאס הֵיכָל :
עֶס בַּאשֶׁערִימְט אוּנְז פַאר זִינְדֶען .
אוּנ הֵיילְט גִישְׁלָאגֶענֶע וואוּנְדֶען :
זַיין וָוארְט לֶערִינְט אוּנְז דֶעם גְלוֹיבֶּען .
אוּנ מִיט אֱמֶת זַיין נָאהמֶען צוּא לוֹיבֶּען :
עֶר אִיז תָּמִיד מָארְגֶען וִויא הַיינְט .
אוּנְזֶער גִיטְרַייעֶר בֶּעסְטֶער הַארְץ פְרַיינְד :

ביא זיין וואָרט איז שוין גיבליבען ·
אז אלע מענטשען זאָלען זיך ליבען :
קיינער זאל ניט טאָן להכעים ·
אונ אייביג לעבען אין נחת :

זיין וואָרט האט ער אונז גיגעבען ·
אייביג אין תענוגים צוא לעבען :
פריינד שאפט זאל אונז דא דער קוויקען ·
אונ ליב שאפט דאָרט אייביג באגליקען :

אייביג בלייבט ער וויא זיין וואָרט ·
מיט כח אונ קראפט אָן גיגורט :
זיין וואָרט איז סאמע וואָרהייט ·
פון אָן הייב ביז אין אייביגקייט :

יח) אלטער לעב מיט שבת פארען שוין קיין האמבורג,
איין אום גליק, ער וואנדערט ווידער ארום, ער
טרעפט נאך זיין פאטער לעבעדיג, ער טוט מיט שכל.
נוא האט שוין אמאל די גוטע שעה גישלאגען וואס אלטער
לעבס גרויס גליק האט גישפילט אונ דער גורל איז שוין אין הימעל
גיפאלען אז ער זאל שוין אויס זיין וויסטינאי ווידער דער לייזט
ווערין וואס ער האט זיך גיוואונטשען איז פארט אמאל מקוים גיוואָרין
עס האט נישט מער גיפעלט וויא נאר אז דער הויפט מאן מיט
זיינע גיטרייע לייט זאלען זיך מיט דעד גרויסער שיף ענטפער צוא
שלאגען אדער אין גוטען מוט איבער געמען אונ אויף דער קענפע
צו אלטער לעבן פירען אונ עס אוים צוא ריכטעווען קיין אייראפא
צו פארען אלטער לעב האט אויך גיכליבען תפוסים וואס מען האט
אן זיי אן גיזעהען אז זיי מיינען זייער ערינסט אונ אז זייא האבען
באמת חרטה וואס זייא האבען קענין זייער ערליבען הויפט מאן
גיזינדיגט אלטער לעב האט זייא ווידער אויף דאס נייא געלאזט

שְׁוָוערָען אַז זַייא וָועלָען מִיט זַייעָר לֶעבֶּען דִיא שִׁיף ווִידָער דֶעם הוֹיפְּט מַאן אִיבָּער נֶעבִּין אָדָער אִין דֶער מִלְחָמָה זַייעָר לֶעבָּען צוּא פַאר לִירָען ·

עָר לָאזְט אַטַייל גִיפַאנְגֶענָע מִיט דִי פְרַייא גִילָאזְטָע זֶעלְנֶער צוּא נוֹיף פִירָען אוּנ אִיז זַייא מַתְּרָה אַז אַזוֹא בַּאלְד זַייא וָועלָען נִישְׁט מִיט אַלֶע מֶעגְלִיכְקַייט זֶעהָען דִי שִׁיף מִיט גוּטֶען אָדֶער מִיט בֵּייזֶען דֶעם הוֹיפְּט מַאן אִיבֶּער צוּא גֶעבֶּען אַזוֹא ווֶעלֶען זַייא אַלֶע אֵיינֶער נָאךְ דֶעם אַנְדֶערָען שׁוּלְדִיג אָדֶער אוּם שׁוּלְדִיג גִיהַאנְגֶען ווָערָען עָר הָאט עֶטְלִיכֶע גִיטְרַייעֶ זֶעלְנֶער צוּ זַאמֶען אוֹיף גִיזֶעצְט אוֹיף אַיין שִׁיפֶעל וואוּ דֶער הוֹיפְּט מַאן הָאט גִיהַאט צוּ שַׁאפֶען אוּנ אוֹיף דֶעם אַנְדֶערָען שִׁיפֶעל ווִידֶער אַזוֹא אוּנ דֶער זֶעגִיל מַייסְטֶער הָאט גִיהַאט צוּא בַּאפֶעלֶען צוּם גִישְׁווִינְדִיסְטֶען זַיינֶען דִיא שִׁיפְלֶעךְ אוּים גִיבֶּעסֶערְט גִיווָארֶען אָן גִיפִילְט מִיט שְׁרָאט פוּלְווֶער קוֹילֶען אוּנ זַיינֶען זִיךְ מִיט טוּיזִינְט קוּשֶׁען אוּנ הוּנְדֶערְט בְּרָכוֹת צוּ פָארִין, אָפּ גִישְׁמוּעֶסְט הָאבֶּען זַייא צְווִישֶׁען זִיךְ אַזוֹא בַּאלְד ווִיא דִיא שִׁיף ווֶעט אִיבֶּער גִינוּמֶען ווֶערֶען זָאלֶען זַייא פְרֵיידֶענְשָׁאס שִׁיסֶען כְּדֵי אלטער לעב זָאל דָא גִישְׁווִינְד ווִיסֶען ווָאס דָארְט טוּט זִיךְ ·

אַלַיין פַאר ווָאס עָר אִיז נִישְׁט מִיט גִיפָארִין אִיז גִיוֶועזֶען אַנְדִיסֶער שֵׂכֶל ווָארוּם גַזְלָנִים רוֹצְחִים זַיינֶען נָאךְ אִין גִיפֵיינְקֶענֶעשׁ אִיבֶּער גִיבְּלִיבִּין ווָאלְטִין זַייא גִיקֶענְט דָאס הִילְצֶערְנֶע טִירָעל פוּן דֶער תְּפִיסָה אוּים זֶעצֶען אוּנ זַיין פְרַאצֶע אַוֶועק חַאפִּין אוּנְטֶער לֵיינֶען פַאיֶער פַאר בְּרֶענֶען אוּנ בַּאגַנְבֶענֶען דֶער הוֹיפְּט מַאן אַלַיין הָאט אַיין גִיזֶעהֶן אַז עֶס אִיז זַייעָר רֶעכְט אלטער לעב זָאל אִין דֶער הֵיים בְּלַייבֶּען ווַייל עָר דַארְף אוֹיף זַיין בְּלוּט אַכְטוּנְג צוּא גֶעבֶּען בִּפְרַט פַאר אִים הָאבִּין דִיא גַנָבִים גְרוֹיס אָב שַׁייא גִיהַאט ·

נוּר זַייא זַיינֶען אַוֶועק הָאט זִיךְ שׁוֹין אלטער לעב נִישְׁט גִיקֶענְט קַיין אָרְט גִיפִינֶען בַּאלְד זֶעצְט עָר זִיךְ דָא אוּנ בַּאלְד דָארְט עָר שְׁטַייט אוֹיף אוּנ לֵייגְט זִיךְ, קוּרְץ עָר קֶען נִישְׁט אַמִינוּט אַרֶנֶע אַיין רוּהִין בַּאלְד קְלֶעטִירְט עָר אַרוּף אוֹיף דִיא בֶּערְג בַּאלְד לוֹיפְט עָר אִין ווַאלְד אַרַיין עֶס הָאט זִיךְ אִיהְם דִיא לֶעצְטֶע שָׁעָה שׁוֹין זַייעָר

דָער קוּטְשִׁיט,אַנַאנְצִין טָאג אִיז עָר אַרוּם גִילָאפֶֿען ווִיא אַמֶעשוּגֶענֶער אַנַאנְצֶען טָאג הָאט עָר אִין זַיין מוֹיל נִישְׁט גִיהַאט בִּיז אִין דֶער זִינְקֶעדִינֶער נַאכְט הָאט עָר אַלְץ גִיוַוארְט אוֹיף דֶעם שִׁיסֶען אוּנ וַוייל עָר הָאט נִישְׁט גִיהֶערְט הָאט עָר זִיךְ זַייעֶר גִיפָארְכְטֶען אוּנ הָאט אִיבֶּער גִיטְרַאכְט וָואס קַיין שׂוֹנֵא אִיבֶּער טְרַאכְט נִישְׁט עָר דֶער הֶערְט דְרַייא מָאל פְרַיינְד שָׁאס שִׁיסֶען ווִיא אַיינֶער אוֹיס דֶעם שְׁלָאף הָאט עָר זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט אוּנ הָאט שׁוֹין מֶער נִישְׁט גִיוָארְנְט וָוארוּם עָס אִיז בַּייא אִיהם זִיכֶער גִיוֶועזֶען אַז זַייא הָאבֶּען דִיא שִׁיף מִיט גוּטֶען אוֹידֶער מִיט בֵּייזֶען אִיבֶּער גִינוּמֶען אוּנ עָר וֶועט שׁוֹין גִיוִויס אוֹיס גִילַייזְט וֶוערֶען.

שבת הָאט גְרוֹיסֶע צָרוֹת גִיהַאט וָואס זַיין פָאטֶער זַאמְט זִיךְ אַזוֹא לַאנְג אוּנ קוּמְט נִישְׁט צוּא רִיק ווִיא בַּאלְד עָר הָאט גָאר צַייט גִיהַאט הָאט עָר זִיךְ אִין זַיין ווִינְקֶעלֶע אוֹיף אַיין בֵּיינְקֶעל אַנִידֶער גִיזֶעצְט אוּנ נָאר גִיקְלָאגְט אוּנ גִיוַויינְט גִיאַמֶערְט אוּנ גִיזִיפְצְט בִּיז עָר אִיז אַזוֹא אַנְטְשְׁלָאפֶען גִיוָוארֶען, אִין אַיין שִׂמְחָה לוֹיפְט אלטער לעב אוּנ רַייסְט שבת אוֹיס דֶעם שְׁלָאף הַאלְזְט אִיהם אוּנ קוּשְׁט אִים נֶעמְט אִים אַרוּם אוּנ קְוֶועטְשְׁט אִים אָן זִיךְ, שבת נָאר פַאר שְׁלָאפִין וָואס אִיז דָאס, אלטער לעב שְׁפְּרִינְגְט אוּנ קָאן פַאר שׂמחה נִישְׁט דָאס וָוארט אַרוֹיס רֵיידִין שבת זָאגְט אוֹי ווֵייא מִיר וָואס אִיז אִים אַזוֹינְס גִישֶׁעהֶען גִיוָוארֶען זַייא דִיךְ מְרַחֵם לִיבֶּער גָאט אוֹיף זַיינֶע יָאר ווַייל עָר הָאט גִימֵיינְט לַחֲלוּטִין אַז עָר אִיז מְשׁוּגָע גִיוָוארִין עָר בֶּעט אִים עָר זָאל זִיךְ שְׁלָאפֶען לֵייגֶען וָואס שְׁלָאפֶען נַארֶעשׁ קִינְד וָואס שְׁלָאפֶען עָר קוּקְט שבתן אָן זֵייעֶר לִיבְּלִיךְ זֵייעֶר פְרֵיינְדְלִיךְ נָאר זָאל אִיךְ יוֹא שְׁלָאפֶען אִין דֶעם אוֹיגֶען בְּלִיק וָואס גָאט הָאט מִיר גִיהָאלְפִין אִיךְ זָאל דֶער לֵייזְט וֶוערֶען הָאסְטוּ דֶען נִיט גִיהֶערְט דֶעם פְרֵיידֶען שָׁאס דִיא גִילְדִינֶע אוּנ גוּטֶע בְּשׂוּרָה אַז דָאס שִׁיף אִיז שׁוֹין אִין זַייעֶרֶע הֶענְד.

אַהַא אַצוּנְד אִיז שבת אוֹיךְ אַבִּיסֶעל לֶעבֶּעדִיגֶער גִיוָוארֶען אוּנ הָאט זִיךְ אוֹיךְ גִיפְרֵייט ווַייל עָס הָאט אלטער לעבען גִיפְרֵייט וָוארוּם אַיינִיגְנְטְלִיךְ הָאט אִים דָאס הַארְץ זֵייעֶר ווֵייא גִיטָאן נָאךְ זַיין פָאטֶער

נָאר פַאר גִיטְרַייא שַׁאפְט הָאט עֶר זִיךְ אויךְ מְשַׂמֵחַ גִיוֶועזֶן גִינוּג אלטער לעב שְׁלָאפְט שוין נִישְׁט דִיא גַאנְצֶע נַאכְט אוּנ שְׁטֶעלְט זִיךְ אַנִידָער מִיט זַייעֶר אַזִים קוֹל אוּנ אַשֵׁיינֶעם נִיגֶען אוּנ בֶּעט צוּא גָאט, שבת הָאט אוּנְטֶער גִיהֶערְט אוּנ דִיא וֶוערְטֶער הָאבֶּען אִיהם אַזוֹא דוּרְךְ אוּנ דוּרְךְ גִישְׁטָאכֶען פַאר זִיסְקַייט אַז עֶר הָאט אויךְ גִימוּזְט צוּא גָאסֶען וֶוערֶען פַאר וַויינֶען אוּנ הָאט מִיט אִיהם מִיט גִיבֶּעט, אלטער לעב הָאט זִיךְ אַנִידֶער גִיוָוארְפֶען אוּנְטֶערֶען פְרַייעֶן הִימֶעל פַאר גָאט אוּנ זִינְגְט:

אִיךְ בֶּעט צוּא דִיר אִין פְרַייעֶן פֶעלְד
אֵיינְצִיגֶער גָאט פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט.
אִיךְ בֶּעט צוּא דִיר מִיט בִּיטֶערֶע טְרֶערֶען
לָאז מַיין גָלוּת נִישְׁט נָאךְ לֵיינְגֶער גִיוֶוערֶען.
אִיךְ בֶּעט צוּ דִיר מִיט צִיטֶערְנֶעשׁ מִיט גִיוֵויין
וָואס אִיךְ הָאבּ גִיפֶעלְט פוּן יוּגִינְד גִיבֵּיין.
אַלֶע חֲטָאִים וָואס אִיךְ הָאבּ גִיטָאן קֶענֶגֶין דִיר
זַייא שׁוין מוֹחֵל פַאר גִיבּ אוּנ הֶעלְף שׁוין מִיר.
מִיט גְרוֹיס חֲרָטָה אויף מַיינֶע זִינְד
פִיהל אִיךְ מִיךְ וִוידֶער גְלַייךְ דַיין קִינְד.
אִיךְ לִיג פַאר דִיר אִין שְׁטוֹיבּ דֶער נִידֶער
הָאבּ שׁוין רַחְמָנוּת אויף מַיינֶע קְרַאנְקֶע גְלִידֶער.
פוּן דֶער הַיים הָאסְטוּ מִיךְ דֶער וַוייטֶערְט
דוּרְךְ צָרוֹת מִיךְ פוּן חֲטָאִים גִילַייטֶערְט.
אִיךְ בִּין שׁוין גִינוּג צָרוֹת אוּיס גִישְׁטַאנֶען
הֶעלְף מִיר שׁוין אַוֶועק רַייזִין פוּן דַאנֶען.
וִויא אַוִוילְדֶער שְׁלֶעכְטֶער אִיךְ בִּין גִיוֶועהן
הָאבּ אִיךְ מִיךְ צוּא בֶּעסִירֶען גִיזֶעהֶען.
אֵייבִּיג וִויל אִיךְ אִין דַיין וֶועג גֵיין

דער האלט מיך ווייטער כשר און ריין .
דיר שטעל איך מיך קיין מאהל נישט אקעגען
און פארש ניט דיינע פאר בארגענע וועגען .
אוי לערין מיך ווייטער דיך קענען
און וויא דיינע היילינע וועגען זיינען .
מיט שכל צוא קוקען אין דער תורה אריין
אלע מצות מיט חכמה מקיים צוא זיין .
דאס האב איך אויף מיר גינומען
אוי העלף מיר שוין ווידער אהיים צו קומען .
וואס עס איז גיוועהן איז גיוועען
לאז מיך ווידער מיינע עלטערין זעהען .
נעם ארויף מיין גיבעט מיין לויב
וואס איך ליג פאר דיר דא אין שטויב .
וואס עס וועט זיך טאן לאז מיך בליקין
העלף מיר מיינע עלטערין צוא באגליקין .
יוא איך האב זייא עגמות נפש גימאכט
היינט בעט איך פאר זייא טאג און נאכט .
איך וועל נישט מעהר פעלען און גרייזען
נאר אלע מענטשען ליב שאפט באווייזין .
העלף מיר שוין אויס דיא פינצטערע גריבער
און פיהר מיך בשלום איבערען ים אריבער .

ביידע גלייך

מיר בעטין צוא דיר אין פרייעם פעלד
איינציגער גאט פון דער גאנצער וועלט .
מיר בעטען צוא דיר מיט ביטערע טרערין
לאז אונזער גלות נישט לייננער גיוועהרען .

אלטער לעב לויפט גישווינד אויף דעם בארג ארויף אונ קוקט אויף דער שפאקטיף אונ פרייט זיך זייער וואס ער האט דער זעהען דיא גרויסע שיף, אבער נאר האט ער זיך מיט דעם רוקען אום גיווענד איז שוין דיא שיף ווידער פאר שוואונדען גיווארען ווער קען זיין אום בעשרייבליך עגמות נפש אב שילדערען וואס ער האט דער פון גיהאט אלע זיינע האפענונגען זיינען אים אזוא וויא דיא שיף פאר שוואונדען גיווארען, דאס איז אזוא אז מען פרייט זיך צוא פיהל קומט נאר ארויס אביטער פאל ווארום מען בלייבט דער נאך טרויעריג וואס גרעסער דיא שמחה איז גרעסער דיא צרה וואול דעם וואס פרייט זיך אויך מיט דער מאס דעם קען דער נאך דיא טרויערקייט נישט אזוא פיהל שאטען.

זייא זיצען דא נעבעך אין גרויסע צרות פלוצלונג הערען זייא מענטשען שרייען וויא זייא קוקען זיך אום דער זעהען זייא אויף איין אנדער זייט אן קומען דער הויפט מאן דעם זעגעל מייסטער אונ דיא גאנצע לייט פון דער גאנצער שיף זייא פאלען זיך ארום האלזען זיך אונ קושען זיך וויא דיא טויבען, דער הויפט מאן דער ציילט וויא עס איז איהם זייער שוועהר אונ ביטער אן גיקומען איידער ער האט דיא גרויסע שיף ווידער צוא ריק איבער גינומען, ער גיט אלץ דינג אלטער לעב'ן איבער אונ זאגט גרויסער קיניג פון דער קענפע! איך מיין שיף מיין פאר מעגען מיינע לייט קורץ מיט איין ווארט אלץ דינג איז דיין, טוה מיט אונז וואס דיין גוטער ווילען איז ער ווייזט זיך ארום דעם גאנצען פאלק אונ אלע שרייען וויא-וואט אלטער לעב זאל לעבען, תיכף ווערט זייער ערינצט גידאווינט אונ אנוט אן בייסען גיגעסין פון אלערלייא מאכלים אונ משקות מיט זינגען טאנצען אונ שפרינגען.

עס איז צווישען זייא דיא דעה גיפעלען דיא אלע לייט אויף דער קענפע צוא לאזען אין דעם קומט שבת צוא לויפען אונ דער ציילט זייא אז דער שפאניר מיט זיין פאטער אונ יענע אלע שפאניר זיינען שוין אויך אן גיקומען מילא איז דיא שמחה גאר פאר פול גיוועזען, זייא האבען נאך מיט גיבראכט צווייא נקבות מיט זיך

ווארום דיא שפאניר וואס זיינען דארט געוועזען האבען זיך אין זייא פאר ליבט אונ גינומען פאר ווייבער זייא האבען גיבעטען מען זאל אויך דא איבער לאזען אלטער לעב איז דאך קענען אלע מענטשען זייער פריינדליך געוועזען האט ער זייא אויך צוא ליב גיטאן אונ זייא ערלויבט אויף דער קענפע צוא בלייבען נאר זייא זאלען אים צוא הערין וויא ער זאגט זייא מוסר, הערט צוא מיינע גיטרייע ליבע קינדער ווער צווישין אייך קען מיר דאס לייקענען אז דיא גאנצע קענפע אונ אלץ דינג וואס אויף איר איז מיין אייגענעם, נאר מיר שטייט עס אן דא וויא אקינעג צוא רעגירען אונ אייך אלע צוא באפעלען וייל גאט אין הימעל האט אבער אן גיזאגט אז איין מענטש זאל דעם אנדערען ליב האבען אונ ליב שאפט אליין איז דער גרויסער ראד וואס דרייט זיך צווישען אלע מענטשען אויף דער גאנצער וועלט.

אונ נאר דורך אחדות נאר דורך ליב שאפט קען דיא מענטשליכע חברה אייביג באשטיין איבער דעם האב איך אייך אויך ליב אונ איהר שלעכטע בייזע מענטשען איהר מוזט אייך בעסערען אונ אזוא טאן וויא איך הייס אייך איר זאלט וויסען אז נאר ליידיג גיין איז דיא התחלה פון אלעם בייזען ליידיגע הענד פלעקען דיא וועגד זעהט גאר נישט ליידיג צוא גיין.

עס ווערט פריער זייער אגרויסע סעודה גימאכט דער נאך ווערט אלץ דינג אויף דער גרויסער שיף ארויף איין גיפאקט ער נעמט מיט זיינע זאכען אלע וואס ער האט זיך אויס גיטראכט סכת השכל אונ אליין גימאכט זיינע קליידער אויס פעל זיין פאראסאל אונ זיין סאקוועע שפיס בויגען העק פון שטיין דימענט-ווארק גאלד שטויב זיין פאפוגע אונ דעם גיטרייען הונט איין האלבע שעה פאר דעם אויף זעטצין גייט זיך אלטער לעב אליין מיט ביטערע טרערין ארום מיט זיין ארבייט גיזעגענען ער האט אפ גיטרעטען אין איטליכען ווינקעלע בעזונדער זייא גיזונד דוא גילדענע ווארימע זון וואס דוא האסט מיך הונדערט מאל דורך דיין ליבליכער ווארימקייט פון טויט גיראטעוועט זייט גיזונד איהר גרויסע שאטען בייטער פון

דעם גרויסען גידיכטען וואלד וויפיל מאהל האט איהר מיר ליבליך דעם שוויים גיקילט אונ ליבליך מיך דער קוויקט אין אלע מיינע גלידער זייט גיזונד איר גרויסע אונ קליינע ביימער וואס גאט האט אייך גישיינקט אזעלכע נוצליכע פירות וואס איהר האט מיר מיין חיות מיין לעבען מיין נפש טויזענד מאהל דער האלטען, זייט גיזונד איהר גילדענע אונ זיסע זאנגען וואס איהר האט מיך גיזעטיגט, זייט גיזונד איהר שמעקעדיגע בלומען אונ רויזען וואס איהר האט מיך דורך אייער גישמאקין ריח ביא מיין לעבען דער האלטען, זייט גיזונד איר אלע תבואות אונ ביימער וואס איך האב אייך מיט מיין שוויים באנאסין אונ דערצויגען וויא א גיטרייער פאטער זיין איינציג קינד, זייא געזונד דיא שיינע צוקער רויז, זייט גיזונד איהר טויזענד קליינע אונ גרויסע בלומען (קווייטען) וואס איהר האט מיר אין מיין גרעסטער טרויערקייט גרויס תענוג אונ שמחה גימאכט. איך דאנק אייך אלע פאר אייער פריינד-שאפט אונ איך וועל אייביג ביז מען וועט מיר שערבליך אויף דיא אויגען לייגען וועל איך אן אייך קיין מאהל ניט פאר געסין, איך באגעץ אייך מיט מיינע הייסע הערצליכע טרערען וואקסט דוא בשלום אונ דער פרייט דיא מענטשען וואס בלייבען ביא אייך כדי זייא זאלין דורך אייך גאטס גבורה דער קענען אונ זאלין איהם דאנקען אונ לויבען אזוי וויא איך, לעבט וואול אז איך וועל נאך דא זיך לאנג אויף האלטען ביא אייך וועל איך פאר געסען צוא מיינע עלטערען וידער אהיים צוא פאהרען, זייט איהר מיר ליב געווארען לעבט טויזענד מאהל וואול אונ גערישט אלע איבעריגע אייערס גלייכען.

ער זעצט זיך זייער פאר ווייגט צווישען אלע אין דער גרויסער שיף אריין אונ פאהרט צוא מזל מיט גרויס כבוד עשירות אונ פרומקייט אהיים ער האט נישט גיקענט איין רוהען ביז ער האט שוין פאר זיך מעהר נישט גיזעהען קיין שום שטיקעל פון זיין קענפע ביז קאדיקס זיינען זייא זייער גליקליך גיפארען אונטער וועגינס האט ער זייער גרויס צדקה אונ חסד גיטאן קעגען ארום אונ רייך ער רופט זיך אב צוא דעם סוחר וואס דיא יווועלען אונ אנדערע

טייערע זאכען וואס האבען צוא איהם געהערט גראד צוא דער צייט ווען ער האט נאר געזאלט באנקראט ווערין ער ניט איהם זיין עשירות אב וואס ער האט זיינם אויף דער גרויסער שיף מציל געוועזען אונ האט איהם מיט זיין גאנצער פאמיליע ביים כבוד דער האלטען .

פון קאדיקס שיפען זייא זיך קיין איינגלאנד, אונ דאס שווינדלען. פון דעם וואסער זעעקראנקהייט האט דאנערשטיג ניט געקענט סובל זיין ווייל ער איז דיא לופט נישט געוואוינט געוועזען ער איז געפערליך קראנק געווארען אונ באלד איז ער געשטארבען, שבת איז פאר צער אויס הויט געשפרונגען, אלטער לעב האט איהם וויא מעגליך געטרייסט אונ איהם דער מאנט אן נאטס ווילען, אין פראסטימוט האט ער אויף געזוכט איין אלמנה מיט פיהל קינדער וואס זיינען שוין געקומען אויף בעטעל ברויט אונ האט זייא זייער חלק אב געגעבען אונ זייא גאר ביים לעבען דער האלטען זיין שם איז זייער וויט אונ ברייט געגאנגען אז דיא וועלט האט זיך געוואונטשען הלוואי אזעלכע מענטשען זאלען זיך מערען .

איין גרויס אום גליק האט זיך איהם ווידער געטראפען ווייל פאר האמבורג איז דיא שיף ווידער צוא גרונד געגאנגען אלץ דינג איז איין געזונקען אונ ער מיט שבת זייגען אויף אברעט געשוואומען אונ קוים מיט דעם לעבען קיין האמבורג געקומען, דער שכל האט איהם פאר געשטעלט אז אזוי באלד ער וועט דעם אלטען פאטער ניט טרעפען ווייל פון דעם טויט פון זיין מוטער האט ער נאך איבער וועג געוואהר געווארען קען ער ח"ו אום קומען האט ער איבער דעם איינעם פריער צום פאטער געשיקט זאל איהם קלוג פאר גיין אונ איהם דיא בשורה זאגען .

דער עולם וויא אומעטום דיא מאדע איז זייגען איהם קינד אונ קייט זכרים אונ נקבות נאך געלאפען פאר חידוש ביז אהיים צום פאטער ער האט אלטער לעב בפרהסיא מוחל געוועזען אונ אלטער לעב קערט זיך מיט פאר וויינטע אויגען צום עולם אונ זאגט ערינסט הערט מיך צו רבותי איר זייט פאטער אונ מוטער נעמט אייך

דיא ראיה פון מיר לעבט נישט וויא נאראנים נאר גלויבט מיר אז איך האב אין דער צייט וואס איך האב מיך אוועק גילאזט זייער פיהל שלעכטס אונ גוטס גינאסען פאר האמבורג בין איך ווידער פאר ארעמט גיווארען, ווייל איך האב אבער גאטס גרויס מעשים דער קלערט זעה איך אז איך בין נאר אום גליקליך גיווארען כדי עס זאלען זיך אזעלכע שוטים נישט מעהר מתרבה זיין וויא איך בין גיוועזען זיך פון געלדס וועגען איין צוא שטעלען אזו פיל סכנות אויס צוא שטיין, רעהרינט ליבער אייערע קינדער לשונות מלאכות מדות אונ מעלות נאט אונ מענטשען ליב צוא האבען, למען השם נאר אחדות שלום, אונ שלום זאל צווישען זייא איביג זיין וועלען זייא דא אויך קענען גליקליך זיין.

וויא דער עולם איז זיך צוא גאנגען האט אלטער לעב זיין פאטער פאר זיכערט אז ער האט זיך קענין גאט אונ לייט זייער גיבעסערט ער רופט זיין משפחה אונ דער ציילט זייא וויא עס האט זיך מיט איהם דורך דער צייט פאסירט אונ קלייבט זיך אויס זייער אשיינע מלאכה טאקעריייא ער ווערט אמייסטער אונ שבת זיין גיזעלען זייא האבען ווייטער אזוי ערליך בדרך הישר געפירט אז זייא האבען זייער שטארק מצליח גיוועזען, דיא גאנצע וועלט האט זיך אן זייא מקנא גיוועזען אונ גיוואונטשען אזעלכע גוטע קלוגע פרומע קינדער צוא האבען וואס ארבייטען עהרליך אויף זייער ברויט אונ דינען גאט מיט אמת, נאך דער ארבייט פלעגען זייא תמיד צו גיין צוא חכמים הערען לערנען מען האט זייא אן גיהויבען דיא גרעסטע אונ שענסטע שדוכים צוא ריידען, הלוואי גאט זאל אלע גוטע מענטשען העלפען אמן.

## ענדע

צווייטער טהייל — ט״ט

## דער אינהאלט פון דער געשיכטע אין קורצין

מיט גרויס פאר-גניגען אונ צוא פרידענהייט זייגען די קינדער וואס האבען די געשיכטע דער ציילען גיהערט דעם אלטען וואס האט מיט זייער אשיין לשון למודים די מעשה דער ציילט ארום גיפאלען גיקושט אונ גיהאלזט אונ האבען זיך אלע באמיט פרום אונ גוט אונ ריין צוא זיין, מיט איין ווארט די מעשה האט ביי די קינדער אזוי פיל גיווירקט אז איינס האט גיזוכט בעסער צוא זיין וויא דאס אנדערע זיי האבין זיך גיוויינט רוהיג ציכטיג אונ זעטיג צוא לעבען גאטס פארכטיג אונ גילערינטע מענטשען צו ווערין • אין עטליכע יאהר ארום האט דער אלטער גיהוילט די קינדער אין דער הויפט שטאט אריין שיקען זייא זאלען דארט אין די דייטשע לאטיינישע שולען שטודירען, די קינדער יעדער אין זיין שטיינער זייגען אין די קענטניסע גיוואקסען, די הערען פראפעסארען אונ זייערע חברים האבען זייא זייער ליב גיהאט אונ די גאנצע וועלט האבען זייא פאר גוט אונ פרומקייט גישעצט אונ גיאכט •

אמאהל איז אוים גיקומען אויף אשפאציר גאנג האבין זיך די קינדער גערימט פאר זייערע חברים אז זייא האבין זייער אקלוגען פאטער וואס דער ציילט זייא אלע מאל קונסטליכע גישיכטען, וויא די קינדער זייגען נאר אהין גיקומען, ווען זייא זייגען נאר שפאצירין גיגאנגען אדער גיפארען האבען זייא נאר גישמועסט פון אלטער לעב עטליכע חברים זייגען זייער טשיקאווע גיוועזען די געשיכטע אויך צוא הערען האבען זייא צווישען זיך אבגישמועסט אז אין וואקאציע (בין הזמנים, אזוי הייסט די צייט ווען עס איז קיין שוהלע נישט) זאלען זייא מיט די קינדער צוא פוס מיט גיין ווייל עס איז נישט זייער ווייט גיוועזען אונ די קינדער האבען זייא מבטיח גיוועזען אז דער גוטער אלטער וועט זייא אין וועלכען לשון זייא ווילען די געשיכטע פון אלטער לעב אויך דער ציילען עס איז אזוי גיוועזען דער אלטער האט זיך נישט גילאזט לאנג בעטען אונ דערציילט אין קורצען די געשיכטע פון אלטער לעב אויף דייטש ווייל דאס לשון האבען אלע קינדער אונ זייערע חברים פאר שטאנען •

עס וואר איין מאל איין טראציגער שטארזיניגער אונ שלעכט הערציגער קנאבע ער הייסט ראבינזאהן אדער אלטער-לעב נוא וואלטע ער זיינע עלטערין ניט געהארכען אויפערטע איינע פירכטערליכע בעגירדע נאר דיא וועלט אוים צו רייזען , ער וואגטע זיך ענדליך אהנע וויסען אונ ווילען זיין רעדליכען עלטערען דורך צוריידונג איינעס זיינער לייכטזיניגען גיפעהרטען אויף דאס מער אונ ווערדע נאך לאנגעם רונגען אונ קעמפפען דורך איין ערליטענעם שיפסבראך אויף איינער וויסטען אינזעל אוים גישטאנען .

מעהרערע מאלע וואר ער דעם טאדע נאה אונ מעהרערע מאהלען וואהר ער וואונדערליך גירעטעט ער עמפפאנד די בעפרייאונג אין דער טיפע זיינער הערצינס , מיט ביטערע טרערען בעוויינט ער זיינע שטראזען , אונ ווינשטע מיט זיינען עלטערען ווידער זיך אוים זעהנען צו קענען אונ זייא אומפערצייהונג צוא ביטען , אבער ליידער וואר עס שוין צוא שפעט דען ער בעפאנד זיך יעצט גאנץ אליין אויף איינער וויסטען אינזעל בעוואהנט פאן ווילדען מענטשען אונד בייסענדען טהירען פערלאסען פאן אלעם וואס נאר איינען מענטשען דיא האפפענונג נעהרען קאן , איינסט ווידער אוים דעם דראנגזאל ערלעזט צוא ווערדען , שטאנד ער דא דער ארמע זינדר אהנע שוץ אונ וועהר אהנע דאך אונ פאך אהנע נעהרונג אהנע וואהנונג ער מוסטע פערצווייפעלען .

נאך לאנגעם זוכען אונ פארגעבליכער מיהע פאנד ער צוא זיינעם טראסט ביים אופער דעם מערעס אויסטערען , וועלכע אין פלוטהצייט אוים דעם מעהר מיט גיבראכט אונ אין עבבע צייט אום זאנדע גיפונדען ווערדען אויך גינג ער בעהוטזאם , נאך דעם ער גאטעס אלמאכט ערקאנט[illegible] אויף דען בערג זא ער ריקלינגס איינע שטיינערנע העלע דיא ער זיך צוא זיינער וואהנונג וואהלטע , אויך שענקטע איהם דיא ליבע נאטור איינע רייגע הערליכע קוועלע ניכט ווייט פאן זיינער וואהנונג ענטפערינט , ער וואארף זיך נידער פאר גאט אונ לאבטע אים פאר דיא גינאדע דיא ער איהם ערצייגט האט , דאס ער ניכט מעהר בעגעטהיגטע וויא ביזהער , אויסער

פרייעס הימעל אויף ביימען אונ שטיינען צוא שלאפען וואס ער מיט רעכט צוא בעפירכטען דען ווילדען אדער רייסענדען טהירע פרויז גיגעבען ווערדען צוא מיססען .

דיא ליבע נאטע מאכטע אונזערען אלטער לעבען פיר איינען לוסטיגען מונטערע יונגלינג דען ער וואר קוים אכצעהען יאר אלט אונד קאנטע ניכט מעהר זא לאנגע פוילענצען אונד טראג דאס בעט היטען וויא ביא זיינען עלטערען ער צוא טאן פפלעגט , ער וואר געצוואונגען פריה מארגינס אויף צוא שטעהען נאט אנדעכטונג אום גינאדע צוא ביטען דאן פון פריה ביז נאכט מיט פלייסיגען ארבייטען זיך צוא בעשעפטיגען . איין מאהל פאנד ער איינען קאקוסבוים , ער מאכטע זיך העער אונ לאכטע זיך אויך אויס אלער האנד שטיינע מאכטע ער זיך שפאטען אונ אנדערע ווערקציינגע זיינע וואהנונג צוא ערווייטערען דורך מיהע פלייס אונ אונפערדראסענהייט געלאנג איהם אלעס וואס ער נאר ווינשטע , ער פאר פערטיגט זיך איינען זאנען שירעם אונ איינע יאגדטאשע .

אום נעהן זעהעט ער מיט פריידען איינען צוטראגען בוים אויך פאנד ער איינע לאמא ערלענטע עם שטעקט איין שטיקעל אויף איינען פאן איהם פארפערטיגטען בראטשפיז דער מונד וועסערט איהם נאך דעם בראטען ליידער האטע ער קיין פייער .

זיינע אונוויסענהייט מאכט איהם נאך אום גליקליבער דער בליטץ אונד פלאץ רעגען האבען איהם זא ער שרעקט דאס ער אן הילפע פער צווייפעלטע , וויא שעמט ער זיך אלס ער זיך איבער צייגטע דאס דער אבערע בוים וועלכער איבער זיינע וואונונג שטאנד ענטצינדעט ווארדע אונד ער בעקאם וואס ער נעהטיג האטע ער בעקאם פייער .

דורך גאטס גרויסע ווערקע האט ער דען שעפפער ער קענט אונד פלעטע איהם אום פערנערע הילפע אן , ער וואר דורך פלייסיגען ארבייטען איין מוירע טעפער גרעבער אונד שניידער אונד ענדליך קראנקטע ער גאנץ גיפערליך .

וויא ער ווידער קרעפטיג וואר בעקאמט ער איינע ליבע צוא:

צווייטער טהייל מענטשען

מענטשען אהנע אונטערשיד דער טראכט אונד רעליגיאן פון גאנצער זעלע צוא ליבע אונד ביא צוא שטיין דאפיר לוינטע איהם גאט מיט איינעם פריינדע דען ער פרייטאג נאנטע, ער אונטער ריכטעט איהם אין זיינער שפראכע אונד רעליגיאן וואפיר ער אים עוויג דאנקטע אונד ליבטע.

נוא טראכטען זיך צוא ער בויען, גידאכטען גיטאן דאס איזט דיא ארבייט פון שטאטען גינאנגען אבער ליידער אלס ביידע זיך גאר אויף דאס מער בעגאבען װארדען זייא ערשט אומגליקליך דאס שיפליין װארד פון שטורעם װינדע פירכטליך פארט גיריסען זייא אויף דער אינזעל צוא ריק גיװארפען,

דעם נאכטס פאר נאהמען זייא איין שטירמענדעם װיסען אונ ברויז אם מערע אונד קאנטען קיין אויגע מער צו טאן עס בװערטע זיך דען צווייטען טאג דרויף דאס איין שיף גיבארשעט װאר, זייא פאר זוכטען הין צוא שווימען עס גילאנג איהנען אונד דא זייא באמערקטען דאס פילע טרייע אונד נוצליכע דינגע אויף דער זעלבין װיא דער בעפאנדען בעשלאסען זייא זא גלייך איינע פלומבריקע צוא פער פערטיגען דורך װעלכע זייא אלעס אויף די אינזעל איבער פיהרען זאלטען אויך פרייטאגס פאטער דאנערשטיק מיט מערערע גיפאנגענע זינד דורך אלטער לעבס ביי שטאנד פון דער גיפאנגען שאפט אויס רויבער הענדע גירעטעט װארדען, מיט דאנק בארקייט ערנאנטען זייא איהם צוא קיניגען אונ פער בירגטען מיט אירעם לעבען, אונ זאמט פרייטאג נאך איירא(פא) צו ברייננען װאס זיי צוא ערקסט דאס שיף אויס דען רייבירס הענדען צוא ריק ערראבערען װעדען אונ איהם דיא איבער נאמע דעם שיפעס מיטעלקסט קאנאנענשיסע ערקענען צוא געבען.

אין איין קורצען צייט הערטע פרייטאג װירקליך דיא פרייד שיסע אונ מאכט אלטער לעב אויף מערקזאם דאפאן איבער צייגטע ער זיך זעלבסט אונ פרייט זיך זייער באלד היים צוא קערען. דאס גרויסע שיף לאנגט גליקליך אן אלעס האט זיך דארט אונטער װירפונג גימאכט אונ דיא גיזעצע דעם קעניגס אונ שטאט האלטירס גיהולדיגעט.

ער לאז איין הערלעך פרעכטיגס באהל צוא ברייטען אלע קעסטליכע שפייזען אונד גיטרענקע דיא פון יענער שיף אונ דאן דער נייען גרויסין שיף הערונטער גינומען זינד אויף גיטישט אונ פריילך פאר צעהרט ווארדען אונד נאך בעענדיגט דעם מאלצייט שענקטע ער דען צוא ריק גיבליבינס פיל פולווער שראט קוילען מיט קאנאנען פאר זיכערט זייא איינסט ווידער צו בעזוכען. ויינעטע אונ בעאבב. שיידעט זיך מיט אלע נייא בעקאנטע ער נאם דיא עדעלשטיינע אונד יוועלען גאלד אונ זילבער מיט זיך אונד רייזט פירשטליך נאך אייראפא .

ער זוכט איבעראל אלע לייט אויף וועלכע איהר איינגין-טוהם אויף דער גיבראכענע שיף פאר לויהרען האטען אונד הענדינטע איהנען איין וואס זיר איינגין-טוהם וואר אונד פולע פאמיליאן אונטער שטיצט אונ העלף ער אין ענגלאנד , דיא זעעקראנקהייט רויבטע דען ארימען דאנערשטיק ער שטארבט אונד ווירד מיט עהרע בעשטאטעט.

אונד ניט ווייט פון האמבורג ליטין זייא איין שיף בראך אונ קומען היים ארעם וויא ער אוים גיפאהרען איזט , מיט פריידען ער פאר ער דאס זיין אלטער פאטער נאך לעבט ער לאס איהם לאנקזאם אויף זיין צוא-קונפט גיפאסט מאכען, זיינע גישיכטע ווארע פון דער גאנצער וועלט. בעזאנדירס פרייטאג וויים גאר ניכט פון דיא אלע זאכען אונד מאראלישע גרונד זעצע דיא היר הערשטין. ער ווירד ערשט נאך אונ נאך מיט אלעם בעקאנט אויך בלייב אימער וויא זיין הער אונד פריינד טוגענד . הויבט רעליגעזים . אונ זייא ווערען טישלער מייסטער ארבייטעטין פרום אונד בעטעטען פראם ביידע ווערדען גליקליך אונד צוא פרידען זא דאס אלעם איהנען אונ אירען גרויסלאזעם אונד טוגענדהאפט גליק בענידעטען .

# ענדע

צווייטער טהייל